ליטעראַרישע צירקלען און טאַנצקרענצלעך פאַר צוויי מנינים מענטשן. ווען „פריינט פון יידיש־לשון“ מיט דער הילף פון די נאָך־גענוצטע פאָלקס־מאַסן וועלן אָנגייען מיט זייער אַרבעט אויפן געביט פון יידישן פאָלקלאָר, ליטעראַטור, געזאַנג און טעאַטער, — און שטיצן אַלץ און אַלעמען, וואָס שאַפן באַוואוסט יידיש אין וואָרט און שריפט; ווען מיר מיט אַט דער הילף פון פאָלקס־גרופן וועלן אויפבויען אַ פּלאַץ, וואו יידיש־באַוואוסטע מענטשן זאָלן האָבן אַ גייסטיקן מקום מנוחה: — אַ פּלאַץ, אַ היים און אַ בנין, וואו דער יידישער געזאַנג, דאָס יידישע ליד זאָל שטאָלץ און פריי קלינגען צו אונזער אויער און הארץ; — דעמאָלט וועלן נישט נאָר די טאַטעס און מאַמעס, דעמאָלט וועט אויך די יוגענט זיין מיט אונז און נישט מיט זיי, די נאָכשלעפּערס און בעטלערס ביים פרעמדן טיש.

און אַט־אַ־דאָס אַלץ איז נאָר מעגלעך צו דערגרייכן ווען מען טוט עפּעס. און צום טון ברויך מען מענטשן, וואָס ווייסן, וואָס זיי ווילן און פאַרשטיין די באַדייטונג פון אייניקייט. און צו אייניקייט ברויך מען אַן אָרגאַניזאַציע. די אָרגאַניזאַציע איז דאָ — שליסט אייך אָן! דאָס איז „פריינט פון יידיש־לשון“.

## אַ העפטל נאָטיץ

דאָס העפטל פון היינטיקן חודש טיילן מיר אין צוויי נומערן — דאָס היינטיקע פאַרקלענערטע „ערב־שלום“ העפטל, און דאָס צווייטע — שוין מסתם „שלום־העפטל“.

דער באַריכט איבער די י. ל. פרץ אָוונטן אין לאָנדאָן, מאַנטשעסטער און לידז, ווי אויך די אַרטיקלען פון סערזשאַנט י. ח. קלינגער, פון אהרן גאָלדבערג, בן־ציון מרגליות, עלעק וואָטערמאַן, י. א. לעווי, שלמה גאָלדענבערג, קומען אַריין אין די קומענדיקע נומערן.

(די מיטטיילונגען איבערן צווייטן העלפט חודש אין קומענדיקן העפטל).

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס

(אין קווינס־האָל, קאָמערשעל רויד, 83־85, א.1.—3 אַזייגער.)

שבת, דעם 5־טן מאַי, וועט חזן שמואל ראָט האַלטן אַ רעפעראַט איבער אַראַבישע מעלאָדיעס.

שבת, דעם 12־טן, די געדעכעניש־פייערונג פון דער וואַרשעווער געטע. א. מ. קייזער וועט ריידן איבער די געשיכטע פון דער וואַרשעווער געטע

**א. נ. שטענצל**

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי און זין, לאָנדאָן, א.1.

פרייז -/1.



# דאָס שלום־העפטל

## נצחון - און תפילה - לידער

(אין ווי־דעי״ טאָג)

.1

ניט איך אַצינד קאָן דעם נצחון באַזינגען —
די פרייד פון הונדערטער דורות ער וועט זיין!
צער פון אַ פאַרפּייניקטן דור יאָמערט אין מיר,
פול פאַרכלינעטן, פול פאַרשטיקטן געוויין.

אויף אַלע וועגן ס'אומזיסט פאַרגאָסענע בלוט —
דער פערגליווערטער ציטער אין מיין געזאַנג!
דאָס זידיקע בלוט פון אונזערע קדושים,
ס'איז דער שליאַד דערפון יעדער זון־אונטערגאַנג.

נישט איך אַצינד קאָן דעם נצחון אויסזינגען —
אַזוי געוואַלטיק איז ער און אַזוי גרויס!
דער נסיסה־כּאָרכל פון די געקוילעטע
רייסט זיך מיט מיינע געזאַנגען מיט אַרויס.

דאָס אומזיסט פאַרגאָסענע בלוט פון מיליאָנען
ווי נקמהדיק ס'זידט, ווי אומשולדיק ס'רינט — — —
אָ, די נישט דערלעבטע פרייד פון די קדושים,
די גאַנצע וועלט נעמט זי דאָך אַרום אַצינד.

.2

די פרייד אין די גאַסן, אויף אַלע פּנימער — — —
און מיין בליק איז ער נישט אַ פלאַמיקער בליץ?
יאָ, די טויטן־אויוועגס מיידאַנעק, אַשווענטשים,
נעמען אַרום מיך מיט אַזאַ ווילדער היץ!

נישט מאַרשן פון הייסקערנדיקע חיילות,
מיט הילכיק פאַרשכורטן הורא־געשריי;
הונדערט טויזנט ליידיקע שיך פון מיידאַנעק
מאַרשירן אָן אויפהער פאַר מיין בליק פאַרביי.

ניִשט נצחון־פענער אין כל־ערליי קאָלירן —
נשמות צעפלאַטערטע איבער מיין קאָפּ !
5.000.000 פאַרמענצעטע, געקוילעטע
עס ציילט זיי מיין בליק מיט זיין טרערן געטראָפּ !

אָ, די ניִשט דערלעבטע פרייד פון די קדושים,
זי פאָכעט בלוטיק פאַר מוין בליק אַ שוואַרצע פאָן:
אין אזא וועלט, וואָס אזוינס געשען האָט געקענט,
ווי אזוי צו לעבן הייבט מען ווידער אָן — — —

.3

די זיגער פענער אין קאָלירן אַלערליי —
צעפאָכעטע טיכלעך ווינקן ווּעמען צו !
אָבער ווינקט מען דען דעם אַהיימקערנדיקן ?
דעם וואָס געגאַנגען איז אין אייביקער רו.

די מיליאָנען געפאַלענע, געהרגעטע — —
ווער קאָן דען דערציילען איין מאַמעס אַ קינד ?
אָ, די אַנצאָליקע קאָלירן אַלערליי,
ווי ס'הערט דאָס ניִשט אויף צו ציילן זיי דער ווינד — — —

אָבער איז דען אָן אַנדערע פאַרב דאָ ווי רויט ?
זיי זיינען דאָך אַלע איינגעטונקט אין בלוט !
יאָ, אַזוי לאַנג וועלן די מענטשן זיך קוילען,
ביז זייערע הערצער וועלן ווערן גוט —

פון צופיל בלוט נאָר, פון שוואַרצן, פאַרגליווערטן,
די פלאַטערדיקע פאָן פינסטער פאַר מיין בליק !
אָ, זי פאָכעט און ווינקט אָן אויפהער כסדר,
צו די וואָס וועלן מער ניִשט קומען צוריק. . .

.4

(אין תפילה־טאָג פון נצחון)

4 אויך די פרידיקע שולך ניִשט זיין וועט געשענקט.
3 קיין שריד ופליט ס'וועט ניִשט בלייבן פון אייך,
2 איר אליין וועט ווערן אויף אים אויפגעהענגט ;
1 וועט איר ווייטער דרייען אצינד דעם פאַלשן שטריק.



זייט איר דען ניִשט מיטשולדיק אין דעם וואָס געווען?
האַנט אויף הארץ ווען איר זענט מתודה פאַר גאָט !
אָדער איז אייער פסאַלמען־צעזינגטער קלויסטער,
אַ ברענענדיקער יעזואיטן שאַפאָט ? . . .

יאָ, איר זייט שולדיק אין בוכנוואַלד און בעלסען,
איר האָט דאָך געוואוסט וואָס דער רוצח טוט !
און ווייזט אונז אצינד די סקעלעטן, די ביינער,
ריין צו וואַשן די הענט פון פאַרגאָסן בלוט . . .

און ווייטער ווילט איר דעם לייב־קנעכט פונם שטן
אין אייערע פאַלשע דינסטן שטעלן איצט — — —
אויף אייער נאַקן וועט פאַלן זיין שאַרפע האַק,
וואָס ער טראָגט אונטער מאַנטל פינסטער צעבליצט.

5

פול איז דער קלויסטער — אָן איבערגייענדיק אויג,
ביז צום לעצטן פלאַץ זיינען די בענק באַזעצט ;
דאָרטן אַ מאַמע אירע דריי זין געפאַלן,
דאָ אַ געליבטע קוים איר אויג באַנעצט.

„שיר המעלות ממעמקים קראתיך — — “
קאָן דען דאָס ריינסטע געבעט זיין אזוי טיף,
ווי דער וויי פון אַ מאַמע נאָך אירע קינדער,
ווי אָן איינגעהאַלטענע טרער אין איר טריף.

דאָס האַרטעסטע האַרץ ווערט דאָך דערפון געלעכערט,
ווי פון שטענדיקן טראָפּן דער קיזל שטיין — — —
אָ, תפילות אַזעלכע זאָלן דערהערט ווערן,
נאָך אַ לעצטער מלחמה מוזן זיי זיין!

וואָרים אויב איר מיינט דעם לייב־קנעכט פון שטן
ווייטער אין אייער דינסט צו שטעלן אצינד,
זינגט דאָך ליבער „ליידי־מאַקבעט“־מאָנאָלאָגן —
אונזער פּסאַלם מיט בלוט פון געקוילעטע רינט !

6

„ממעמקים קראתיך אדוני — — —“
עס מוז דאָך ווער אויף נידריקסטן שטאַפּל שטיין,

אז העכער און העכער מענטש זאָל זיך דערהייבן
און צום העכסטן אמאָל צו קענען דערגיין.

נישט צוזאמענגעבראָכן די זיילן פון וועלט.
איר פונדאמענט — אונזער לעבעדיקע געביין!
אז מיט געפלאטער פון הערצער זי זאָל זיין פול.
אויפטרייסלען איר תהום מוז אונזער געוויין.

5,000,000 פארמענצעטע, געקוילעטע — — — —
ס'פארשטיינערטע הארץ קאָן דען דאָס משיג זיין ?!
פיל לייכטער צו דערטראָגן ווערט ער דאָך דעמלט.
דער ביטערסטער גורל, אז מ'קאָן אים פארשטיין.

„ממעמקים קראתיך אדוני — — —"
ווי די זון מוזן מיר אויף־און אונטערגיין!
אז זיין זאָל באלויכטן כאָטש ס'שלעכטס פון וועלט און מענטש
מיט געהייליקטער גלאָריע פון טיפסטער פיין.

## דוד המלך

דאָס פאסטוך־יינגעלע פון צווישן זיינע שאָף,
וואָס מיט זיין פייפל האלט ער זיין סטאדע צוזאם.
נישט מיט בייזן הונט — זיין הארץ גיסט ער אויס פאר זיי
און זיי שווימען דערין ווי די כוואליעס פון ים.

אזוי איז ער געבליבן ביז זיין לעצטן טאָג — — —
אלע זיינע טעג, — צומאָל אין ווילדסטן געברויז! —
טוליענדיקע שעפעלעך קלארינקע, ווייסע,
וואָס גייען נעבאָדענע פון די כוואליעס ארויס;

אויף זיין הארץ האָט ער זיי צוזאמען געפיפן,
ווי אויף א געלעכערט פייפל דער פאסטוך טוט.
קיין איינציקער איז נישט פארלוירן געגאנגען,
דער שוואכסטער נישט און נישט דער פארשייטסטער פול מוט.

אָ, צעכוואליעטע טעג ביי ברעגעס זייערע —
פארדאָרשטיקטע לעמער וואָס ליגן אויף די קני!
און ווי באראנעם מיט פארפלאָנטערטע הערנער,
דערשפירנדיק אין סטאדע די גלוסטיקע זי — — —



נישט נאָר דעם אָפגעהאקטן קאָפּ פון גלית
האָט ער געטראָגן אויף שפיץ פון געשארפטן שווערד,
זיין הארץ, אויף אלע זיינע פנימה'לאָזע טעג,
צו צאפלען, פארבלוטנדיק, האָט נישט אויפגעהערט.

און ס'איז דער ווייטער ווידער־קול ביז היינט צו טאָג,
אין יעדן הארץ פון נקמה־פיבער פארצערט,
און די טיפע שטילקייט נאָך ווילדן שטורעם,
ווען פון גרויזאמע שוואכקייט צעריסן עס ווערט.

דער רציחה־הונט פון זיין סטאדע ר'איז געוואָרן,
ארויסצוראטעווען א לאם פונם וואָלפס מויל,
און פונקט אזוי איז געוואָרן זיין הארץ דעמלט,
ווען זיין פאָלק איבערגעפאלן דעם שונא'ס גרויל —

א ברענענדיקער פאקל, א צעפלאקערטער,
אלע הערצער צוצינדן מיט נקמה־פלאם,
האָט זיך זיין הארץ פון ברוסט ארויס אים געריסן — — — —
אָ, און פון אונטער דער שער א דערשראָקן לאם.

זיין בת־שבע'ן אקייגנגעטראָגן האָט ער'ס,
אין תאוהדיקע נעכט, ווען לבנה ווערט פול;
האָט ער זיין קאָפּ אין איר שוים נישט צוגעוואָרפן,
אָן אויפגעשפּיזטן אויף איר בליק פון ליבע דול?

אין דער גלאָריע פון זיינע העכסטע נצחונות,
אזוי אין די טיפעניש פון זיין חרטה־צער — — —
האָט מען ציילן געקענט ס'געפינקל פון זיין קרוין?
פונקט אזוי זיינע חרטה־טרערן, אין לשער;

א צעכוואליעטער ים אין ווילדן שטורעם ווינט!
פון אלעמענס אויגן זיי טריפן נאָך אצינד — — —
זיינע טוליע־ווערטער נאָר נאָכשעפּטשענדיק בלויז,
יעטווידער מענטש דערלייזט ווערט פון זיין גרעסטער זינד.

און אויפוואקסן ס'וועט, פון זיין וואָרצלדיקן שטאם,
דאָס יינגעלע וואָס פיטערט מיטן לייב דאָס לאם,
יענץ פאסטוכל פון הינטער די שאָף אפויער,
וואָס מיט פייפל זיינעם טוליעט ער זיי צוזאם.

א. נ. שטענצל

אז העכער און העכער מענטש זאָל זיך דערהייבן
און צום העכסטן אמאָל צו קענען דערגיין.

נישט צוזאמענגעבראָכן די זיילן פון וועלט,
איר פונדאמענט — אונזער לעבעדיק געביין!
אז מיט געפלאָטער פון הערצער זי זאָל זיין פול,
אויפטרייסלען איר תהום מוז אונזער געוויין.

5,000,000 פארמענצעטע, געקוילעטע — — — —
ס׳פארשטיינערטע הארץ קאָן דען דאָס משיג זיין ?!
פיל לייכטער צו דערטראָגן ווערט ער דאָך דעמלט,
דער ביטערסטער גורל, אז מ׳קאָן אים פארשטיין.

„ממעמקים קראתיך אדוני — — —“
ווי די זון מוזן מיר אויף־און אונטערגיין!
אז זיין זאָל באלויכטן כאָטש ס׳שלעכטס פון וועלט און מענטש
מיט געהייליקטער גלאָריע פון טיפסטער פיין.

## דוד המלך

דאָס פאסטוך-יינגעלע פון צווישן זיינע שאָף,
וואָס מיט זיין פייפל האלט ער זיין סטאדע צוזאם,
נישט מיט בייזן הונט — זיין הארץ גיסט ער אויס פאר זיי
און זיי שווימען דערין ווי די כוואליעס פון ים.

אזוי איז ער געבליבן ביז זיין לעצטן טאָג — — —
אַלע זיינע טעג, — צומאָל אין ווילדסטן געברויז ! —
טוליענדיקע שעפעלעך קלאָרינקע, ווייסע,
וואָס גייען געבאָדענע פון די כוואליעס ארויס ;

אויף זיין הארץ האָט ער זיי צוזאמען געפיפן,
ווי אויף א געלעכערט פייפל דער פאסטוך טוט,
קיין איינציקער איז נישט פארלוירן געגאנגען,
דער שוואכסטער נישט און נישט דער פארשייטסטער פול מוט.

אָ, צעכוואליעטע טעג ביי ברעגעס זייערע —
פארדאָרשטיקטע לעמער וואָס ליגן אויף די קני!
און ווי באראַנעס מיט פארפלאָנטערטע הערנער,
דערשפירנדיק אין סטאדע די גלוסטיקע זי — — —



נישט נאָר דעם אָפגעהאקטן קאָפּ פון גלית
האָט ער געטראָגן אויף שפּיץ פון געשארפטן שווערד,
זיין הארץ, אויף אַלע זיינע פגימה׳לאָזע טעג,
צו צאפּלען, פארבלוטנדיק, האָט נישט אויפגעהערט.

און ס׳איז דער ווייטער ווידער־קול ביז היינט צו טאָג
אין יעדן הארץ פון נקמה-פיבער פארצערט,
און די טיפע שטילקייט נאָך ווילדן שטורעם,
ווען פון גרויזאמע שוואכקייט צעריסן עס ווערט.

דער רציחה־הונט פון זיין סטאדע ר׳איז געוואָרן,
ארויסצוראטעווען א לאַם פונם וואָלפס מויל,
און פונקט אזוי איז געוואָרן זיין הארץ דעמלט,
ווען זיין פאָלק איבערגעפאלן דעם שונא׳ס גרויל —

א ברענענדיקער פאקל, א צעפלאקערטער,
אַלע הערצער צוצינדן מיט נקמה־פלאַם,
האָט זיך זיין הארץ פון ברוסט ארויס אים געריסן — — —
אָ, און פון אונטער דער שער א דערשראָקן לאַם,

זיין בת־שבע׳ן אקיינגעטראָגן האָט ער׳ס,
אין תאוהדיקע נעכט, ווען לבנה ווערט פול;
האָט ער זיין קאָפּ אין איר שוים נישט צוגעוואָרפן,
אָן אויפגעשפּיזטן אויף איר בליק פון ליבע דול ?

אין דער גלאָריע פון זיינע העכסטע נצחונות,
אזוי אין די טיפעניש פון זיין חרטה־צער — — —
האָט מען ציילן געקענט ס׳געפינקל פון זיין קרוין?
פונקט אזוי זיינע חרטה־טרערן, אין לשער;

א צעכוואליעטער ים אין ווילדן שטורעם ווינט!
פון אַלעמענס אויגן זיי טריפן נאָך אצינד — — —
זיינע טוליע־ווערטער נאָר נאָכשעפּטשענדיק בלויז,
יעטווידער מענטש דערלייזט ווערט פון זיין גרעסטער זינד.

און אויפוואקסן ס׳וועט, פון זיין וואָרצלדיקן שטאָם,
דאָס יינגעלע וואָס פיטערט מיטן לייב דאָס לאַם,
יענץ פאסטוכל פון הינטער די שאָף אפויער,
וואָס מיט פייפל זיינעם טוליעט ער זיי צוזאם.

א. נ. שטענצל

י. ביעטש

## דער ערשטער „בלעק־אוט“...

בערטא פינקל, א יונג ווייבל, ערשט נישט לאנג נאך איר חתונה, האט אין א זונטיק, אויגוסט נײַנצען נײַנאונדרײַסיק, פארלאזט לאנדאן, מיט אירע הויכע מויערן, שטיינערנע גאסן און אומריינע לופט, און אוועק צום ים, צו פארברענגען א פאר וואכן אויף דער שוים פון דער פרישער און פרייער נאטור. ארום מיטאג־צייט האט דער צוג סאפנדיק זיך אפגעשטעלט אינעם שטעטל מ. א כוואליע פון מענטשן, יונג און אלט, האבן זיך א שאט ארויס געטאן, מיט פעקלעך און וואליסקעס אין די הענט, זיך געלאזט איבערן שטאט צו די גאסט הייזער און האטעלן. אויף דער פלאטפארמע איז געווען א געפילדער, א ליארם. פרויען און קינדער האלב נאקעט זיינען געווען ברוין מיט א מאמענטאלן גלאנץ, געבארנט פון די דערפרישנדע ים לופט, און ברענענדיקע זון. געקומען זיינען זיי ווער וועמען צו באגעגענען, און ווער אויס לאנגווייליקייט. פארן וואקזאל זיינען געשטאנען אווטאמאבילן און דראזשקעס. מרס. פינקל האט גענומען א דראזשקע און צוגעפארן צום גאסט־הויז „סטריקט כשר“. אין דער זעלבער צייט איז מאקס לעוונטאל, א הויכער און ברייטבייניקער יונג פון א יאר עטלעכע צוואנציק, אנגעקומען מיט זיין אווטאמאביל. אפשטעלנדיק די מאשין איז ער ארויסגעשפרונגען פון די קאר, און האסטיק דאס טירל הינטער זיך פארקלאפט מיט אזא גבורה, אזש די קאר האט זיך א שטארקן טרייסל געטאן. צוויי פאר אויגן האבן צופעליק זיך באגעגענט ביי דעם אריינגאנג אינם גאסט הויז, פלוצים זיך אפגעשטעלט און באקוקט. עפעס חיהשעם האט זיך אין דער רגע צעשפילט אין אלע זייערע גלידער. דאס גאנצע הויז איז געווען פול מיט רעש, פון יעדן ווינקל האט זיך געהערט דער גערויש פון פרויען קליידער, לייכטע טריט, און געקוויטש פון יונגע מיידלעך. יעדער איז געקומען צו פארברענגען א לוסטיק פריי לעבן. דער איינציקער זארג איז געווען אויפצופאסן אויף דעם גאנג (אזא צימבאל) וואס האט מיט זיין איינטאניקן קלאנג, פיר מאל אין טאג, גערופן די איינשטייער צום עסן...

אין דעם קליינעם גאסט הויז סטריקט כשר איז געווען פריילעך און היימיש. אינם אויסגעפוצטן צימער זיינען געווען געגרייט צוויי לאנגע טישן, חוץ קליינע טישלעך אין די ווינקלען. עס האט געשמעקט מיט ריחות פון צעפארעטע און זון צעגליטע לייבער, פון פעטע יידישע מאכלים. אלע האבן געגעסן און גערעדט, גערעדט און געגעסן, קייענדיק הויך און באוועגנדיק מיט די שלייפן, וואס האט זיך צוזאמענגעגאסן, און אינאיינעם מיט דעם געקלאנג פון גאפל־מעסער. די אנגערויכערטע לופט האט די שטיב איינגעהילט אין א שטייענדיקן נעפל. מענער און מיידלעך האבן איינס אויף ס׳אנדערע געקוקט, מיט תאוה אין זייערע אויגן, אז ס׳האט זיך געדאכט דאס די איינציקע אויפגאבע איז צו שעפן וואס מער פארגעניגן און שמחה. די שמועסן האבן אנגענומען פארשידענע פארמען. א קליין געוויקסיק יידל מיט א קיילעכדיק געפאקט בייכל האט זיך געוויצלט, און אלעמאל אויסגעשאסן



מיט א דיקן געלעכטער, אז זיין קיילעכדיק בייכל האט משונה זיך געשאקלט. צווישן א גרופע עלטערע יידן האט מר. גרינבוים שטארק זיך געהיצט. דערביי ווארפענדיק מיט זיינע לאנגע הענט אויף אלע זייטן. זיינע אויגן האבן אויפגעפלאמט פון צער און עקל אויף די איצטיקע אונערהערטע אנטיסעמיטישע פראפאגאנדע וואס האט זיך ווי א שווארצע מגפה לעצטנס זיך פארשפרייט. דאס איז א גרויסער בזיון און חרפה פאר די פרייהייטס ליבענדע ענגלאנד, און זיך צעשריגן: סטייטש אזא חרפה! פאר גרוים אויפרעגונג האט ער פארגעסן אפצוטרייסלען די קרישקעלעך פונם געשמאקן מיטאג וואס האבן געקלעפט צו זיין גראלעך בערדל, וואס ס׳האט זיך אויפגעהויבן און אראפגעלאזט בשעת זיין ריידן. דער שמועס איז באלד איבערגעגאנגען וועגן די לעצטע נייעס, יא מלחמה, נישט מלחמה, און געהאלטן געשפאנט יעדנס געדאנק. א קאלטער גרויל איז דורך דעם לייב טראכטענדיק וועגן די צרות וואס די מאדערנע פלי־טעכניק קען ברענגען די מענטשהייט... מוטערס האבן טוליענדיק צו זיך איינגעקלאמערט די קליינע קינדער אין זייערע ארעמס, שרעקנדיק זיך פאר עפעס שרעקלעכעס.

אין א ווינקל פונם שטוב ביי א קליין טישל האט אמיינסטן זיך געקאכט מאקס לעווינטאל, איז געזעסן מיט עטלעכע יונגעלייט, פארטאן אינם קארטןשפיל, דער ראק אויסגעטאן. פון אונטער דעם דינעם ווייסן העמד האט זיך שארף געצייכנט געזונטע מוסקולן פון די הענט. זיינע רירעוודיקע שטארקע פלייצעס האבן גערייצט און געצויגן צו זיך. ער איז געווען פון דעם טיפ יונגע לייט, אז ער קומט ערגעץ איז די גאנצע שטיב פארנומען נאר מיט אים. הגם ער איז ערשט היינט מיטאגצייט געקומען, האט ער באלד פארנומען אן אנגעזעען ארט אינם גאסט הויז. א דרך ארץ האט ארויסגערופן נישט אזוי וויט צו אים, ווי צו זיין קאר. ארום דעם טישל זיינען געשטאנען א סך מענטשן און אים מקנא געווען פאר זיין גליק אין קארטן. קעגנאיבער איז האלב געזעסן האלב אנגעלענט אויף א ווייכע גרויסע שטול מרס. פינקל, און ציניש באמערקט אז מען האט גליק אין קארטן פארלירט מען אין ליבע. זי האט איבערגעלייגט אירע האלב נאקעטע הענט איבערן קאפ העל ליכטיקע פארקעמטע האר, אזוי אז אירע ברוסטן האבן בולטער זיך אנגעזען. דאס פנים פארויטעלט, האט זי אין דער פאזע אויסגעזען ווי א שיין צעבליטער בוים אין הייסע זונען שטראלן. פון אירע ווייכע האלב פארמאכטע מאנדל אויגן איז אים צוגעווארפן א שעלמישן בליק וואס האט אויסגעדריקט אונרואיקייט און זיך געדאכט אז עפעס א געהיימע קראפט האט זי אזוי אוועקגעזעצט...

מאקס האט די קארטן ארויסגעלאזט פון זיינע הענט. זיין געדאנק איז געווארן פארשיכורט פון איינגעקנעטענע תאוה און מיט גיריקע בליקן זיך איינגעגעסן אין איר שיינע פיגור און רונדע היפטן, וואס האבן אים שטארק גערייצט און געמאכט דאס בלוט אויפזידן. א שמייכל האט זיך באוויזן אויף זיינע פעטלעכע ליפן און כמעט מיט א זינגענדיקן אונטערטאן באמערקט: היינט ביי קארטן הינט, און מארגן אפשר ליבע, ווער ווייס. דערביי מעכאניש

געשאַרט צו זיך די קופּקעלעך געלה. און פּאַר גרויס פרייד אויסגעשריגן: „מאַני פאַר דזשעם" (געלט פאַר גאָרנישט). אַ פאַרגנבעטער קוק איז געפאַלן אויפן יונגן ווייבל וואָס איז איצט געווען פאַרנומען אין אַ שמועס מיט די אַנדערע פרויען, וואָס האָבן יעדע מינוט הילכיק זיך צעלאַכט.

ביסלעכווייז איז דער עולם זיך צעגאַנגען. ווער צום ים, אַנדערע אויסער דער שטאָט, אין די נאָנטסטע דערפלעך. מרס. פינקל, איבערגעטאָן אין אַ זיידן בלוי הימל־פאַרב קלייד, האָט פאַמעלעך און ווי פאַרלוירן אַליין שפּאַצירט ביים ברעג, דערביי צווישן אירע פינגער געדרייט דאָס רויטע זיידן שירעמל. אַ לייכט ווינטל האָט געבלאָזן, געהויבן איר זיידן קלייד, וואָס האָט זיך געוויקעלט אַרום אירע פיס. דער ים האָט אין דעם נאָכמיטאָג אויסגעזען העל גרין, די כוואַליעס האָבן מיט אַ ווייס זילבערנע שוים געוואַשן דעם ברעג, טראָגנדיק גאַנצע הויפן קליינע שטיינדלעך און זיי צוריק מיטשלעפן, דערביי געקאָרבירט פאַר מיילן דאָס גאָלדענע זאַמד. אירע מחשבות האָבן זיך ווייט, ווייט פאַרטראָגן און פאַרטראַכט געקוקט צום ברייטן האָריזאָנט, ווי הימל און ים זיינען איינס. נישט ווייט פון איר זיינען געשטאַנען גרופּן מענטשן ביי פאַרשידענע שפּילערייען. אַ געמישטער ליאַרם פון פרייַלעכקייט און לעבעדיקייט פון מיידלישן און קינדערישן געקוויטש האָט אויסגעפילט די לופט. דער אָוונט איז פאַמעלעך צוגעפאַלן. אין מערב האָט די זון ווי אַ רויטער פייערדיקער באַלעם דעם הימל געצונדן.

מאַקס איז איר אַקעגן געקומען און מיט אַ זיס שמייכעלע זיך פאַרנייגט. דערביי באַמערקט: „וואָס עפּעס אַזוי פאַרזאָרגט און אַליין. קען איך אייך באַגלייטן?" אירע ליפּן האָבן אַ ציטער געטאָן, דאָס פּנים איז איר היים געוואָרן. ס'האָט אויסגעזען אַז דאָס וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן איז געבליבן הענגען אין דער לופט נישט דערזאָגט. מאַקס האָט געשווינט גאָר נאָנט זיך באַקאַנט מיט מרס. פינקל, און אָפּגעמאַכט צווישן זיך צו פאַרגעסן דאָס לעבן פון פריער, מיט די אַלע אַנגענומענע פליכטן און פאַרשריפטן, און נאָר לעבן מיטן היינט. זי האָט אויפגעהויבן אירע לענגלעכע מאַנדל־אויגן צו אים און טיף אַריינגעקוקט אין זיינע שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, זוכענדיק אַ תשובה אויף עפּעס וואָס זי האָט באַין אופן נישט געקענט משיג זיין. עס זיינען אַוועק שעהן פילנדיק זיך גליקלעך איינער נעבן צווייטן, און ס'האָט זיך אים געדאַכט אַז אָט־אָט וועט עפּעס געשען און די וואַנט וואָס שטייט צווישן זיי וועט פאַרשווינדן ווערן אַזוי שפּאַצירנדיק ביז אין דער נאַכט אַריין. אַ שטיק לבנה ליכט איז אויף איר רונדע פיגור געפאַלן און זיך אָפּגעשפּיגלט אין איר פאַר־חלומט פּנים. זי האָט זיך שטאַרקער איינגעפלאָכטן אין זיין אָרעם, און מיט התפעלות אויסגערופן: „וואָס פאַר אַ פּראַכטיקע נאַכט"... אַזוי האָבן זיך געצויגן נעכט און טעג. נאָך די מיטאָג שעהן פלעגט מאַקס שפּילן אין קאָרטן, מרס. פינקל שטייענדיק האַרט ביי זיין זייט, האָט איר נאַקעטע האַנט אַנגע־שפּאַרט אויף זיינע שטאַרקע פּלייצעס, פאַרגעסנדיק פון איר פריער לעבן, זיך געטרייסט וואָס עס זיינען דאָ אַ סך פרויען וואָס פאַרברענגען אַ לוסטיק לעבן ביים ים.



אין די אָוונטן פלעגן זיי פאַרברענגען אין די קאַפעס. טאַנץ־פּלעצער און אַלע מאָל אַרויספאָרן אויסער דער שטאָט. דאָך האָט עפּעס אומעטיקעס גע־דריקט, ס'האָט זיך יעדן פון זיי געדוכטן אַז דאָס אַלץ איז נישט דאָס וואָס עס באַדאַרף צו זיין. איינמאָל גאַנץ אונדערוואַרט האָט ער זי פּלוצים ביי דער טאַליע אַרומגענומען. אַ שטראָם פון צערטלעכקייט און לאַשטשענדע ווערטער האָט ער גענומען שטאַמלען, זיך אַרומגעקוקט, און איר שטאַרק אָנגעהויבן קושן, נישט לאָזנדיק איר קיין וואָרט אויסריידן.

אַ קעלט און היץ איז איר דורכגעגאַנגען. זי האָט אָנגעהויבן טראַכטן פון איר מאַן, און ס'האָט זיך איר געדוכטן אַז ער ווייס פון אַלעם. אַליין זיך באַשולדיקט אין קאָמפּלאָזיקייט. פאַרדעקנדיק דאָס פּנים מיט אירע הענט, איז זי געוואָרן באַוואוסטזיניק אויף עפּעס וואָס מוז קומען און דערפילט ווי אַ קאַלטער שאַרפער רייף וואָלט זי צוזאַמענגעדריקט. שרעקלעכע געדאַנקען, גליענדיקע, האָבן אין איר קאָפּ זיך געפּלאָנטערט. אַזוי ווי די מחנה קליינע מיקלעך וואָס פליען איר פאַר די אויגן וואָלטן זיך דאָרטן, אין איר קאָפּ, באַזעצט און געביסן. זי ווייס אַליין נישט ווי אַזוי עס איז געשען, עפּעס איז זי פון אַ כשוף פאַרשיכורט געוואָרן.

אין די וואָכנדיקע טעג איז בערטאַ פינקל געווען פריילעך, געשטיפט, געפּלוידערט און געלאַכט, נאָר זונטיק, ווען איר מאַן, וואָס איז געווען פיל עלטער פון איר, איז געקומען האָט איר אָנגעשטריינגט פּנים אַרויפגעצויגן אַ זויער מינעלע און דעם גאַנצן טאָג כמעט געזעסן אין שטוב אונטער פאַר־שידענע אויסריידן. דאָס גאַסט־הויז האָט דעם גאַנצן טאָג אויסגעזען ווי אין טרויער. דער עלטערער עולם האָבן אַביסל אונטערגעמורמלט, נאָר יעדער איז עוסק געווען אין הלכות הגוף און אַריינגעטאָן אין זיין אייגענעם פאַר־געניגען. צומאָרגנס זיינען אַלע געוואָרן געכאַפּט אין אַ נעץ פון אַ גאָלדענעם פרימאָרגן וואָס האָט געשמייכלט מיט זונענגלאַנץ, און דאָס גאַסט־הויז האָט ווידער אָנגענומען אַ פריילעכן אויסזען. פאַר בערטאַ איז דאָס געווען פול לוסטיקע און זאָרגלאָזע טעג. נאָר אין די אָוונטן ווען די שטאָט מיט אירע געביידעס, וואָס האָבן חוצפּהדיק פאַריסן דעם קאָפּ צום הימל, זיינען געוואָרן אין אַ טיפן שלאָף פאַרזונקען און פון דער גאַס האָט זיך דערטראָגן דאָס צום טאַקט קלאַפּן פון עמיצנס פיס, וואָס קלינגט טעמפּ אָפּ אין דער שטילער נאַכט. — פאַר איר זיינען דאָס געווען נעכט פון גרויסע אָנגעשטרענגטקייט. אַ טיפער טרויער און אומעט האָט זי אַרומגענומען. בילדער פון איר לעבן שווימען פאַר אירע אויגן פאַרביי, שטעלן זיך אָפּ און זאָגן מוסר. זי האָט געזוכט צו פאַרטרייבן אירע מחשבות, וואָס מאַטערן זי אונאויפהערלעך, אָבער זי קען באַין אופן נישט פאַרגעסן דאָס וואָס זי וואָלט אַזוי גערן געוואָלט פאַרגעסן...

דעם לעצטן זונטיק פון דעם חודש האָט אינם שטעטל מ. געהערשט אַן אָנגעצויגענע שטימונג. ס'האָט אויסגעזען ווי אַ געהיימע האַנט האָט אַ דריי געטאָן מיטן שוואַרצן צויבער־שטעקעלע און אַ בייזער ווינט איז געקומען

און אוועקגעבלאָזן די פרייַלעכקייט און לעבעדיקייט פון טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן די לופט אויסגעפילט מיט געזאַנג און געלעכטער. דאָס פּלאַץ איז וואָס אַמאָל געוואָרן לעדיקער, מיילן פון גאָלדזאַמד האָט זיך געשפּרייט אונטער די אווגוסט זון. מען האָט זיך פאַר עפּעס געשראָקן. יעדער האָט געקויפט די צייטונגען, ממש געכאַפּט פון די הענט, און צו צוויי מאָל איבערגעליינט די מיטיילונגען: דאָס אין אוונט וועט די גאַנצע באַלייכטונג פונם שטעטל ווערן אויסגעלאָשן פאַר אַ געוויסע צייט. מר. גרינבוים איז ווי אריינגעפאַלן אינם גאַסט־הויז מיטן צייטונג אין דער האַנט און אויסגעשריגן: „ס'האָט זיך אָנגעהויבן!“

דעם גאַנצן טאָג האָט דער הימל זיך געכמורעט און ס'האָט געשפּריצט אַ דראָבנער רעגן. פאַרנאַכט צו, ווען דער בין השמשות האָט אַ לעצטן ציטער געטאָן און דער טאָג איז ווי דורך עפּעס כישוף אוועק. אינם עס צימער איז מיט אַמאָל געוואָרן האַלב טונקל. עס האָט זיך געפילט ווי די נאַכט גנבעט נישט באַמערקטערהייט זיך אריין, פאַרגיסנדיק אַלעס אין איין שטיק פינצ־טערניש. פאַרטיפט אין זיינע אייגענע רעיונות האָט יעדער מיט אַ זיפץ זיך געשאַרט אין אַן אַנדער ווינקל און געוואַרט אויף עפּעס מיט געשפּאַנטע אויפרעגונג.

אויף דעם אָפּגערעדטן פּלאַץ האָט מאַקס און מרס. פינקל, מיט טרערן אין די אויגן, זיך געזעגנט. ביידע האָבן זיך צעקושט, זיך באַטראַכט און ווידער צעקושט. אַ פינצטערער געדאַנק האָט זיי געשטיקט און געפילט ווי דער מלחמה גאָט מיט אַ פייערדיקער שווערט פאָכעט איבער זיי, טרייבט און יאָגט. און וויפיל זיי האָבן זיך באמת אריינצובריינגען אַ טראָפּן קלאָרקייט אין זייערע טונקעלע געדאַנקען איז זיי אַלץ נישט געלונגען, אפילו דאָס ליכטיקע טישל ביי וועלכן זיי זיינען געזעסן איז מיט אַמאָל איינגעשלונגען געוואָרן אין עפּעס אַ חושך. ס'איז געווען זייער ערשטער „בלעק־אויט“ . . .

משה עובד

## אויף דעם הויכן הר־השירה

(פון בוך „אין חדר אַריין“)

אויף דעם הויכן הר־השירה,
אין אַלע זמנים פון היטץ ביז קרירה,
די שבת־מלכה שבת־זמירות זינגט,
דער בארג־גלאָק יעדן קלאַנג אָפּקלינגט.

עס הערן זיך איין די אויערן פון דער וועלט:
לבנה, בלאַט, גראָז און זאַנג אין פעלד,
שטילקייט האַלט איין אָטעם, האָרכט זיך איין,
צער האַלט איין טרער—אויפן וועג צום געוויין.



האָט אראָפּגענידערט בעלפער צו אונזער צייט,
צום צושטויסענעם פעלז פון קריסטאַל
וואָס ליגט אזוי טיף אין טיפעניש פון טאָל,
צו די אבלים וואָס טרויערן אויף פאָלקס עקרהקייט —
צו די לצנים וואָס שפּעטן פון דער גאָלדענער קייט,
און צו די רעכטפאַרטיקע פון זיינע תלמידימלעך די קינדער פון ישראל
און האָט גערעדט צו זיי אָט די רייד:

איצט, צום נייעם זמן, בני ישראלעקלעך,
טרויערענדע, ווילדע, צופּיעשטשעטע זשולעקלעך —
איצט, אז אייערע אויגן קאָנען זען ווי פאַרגרעסער גלעזלעך דעם אלף־בית,
און די קליינטשיקע פינטעלעך, קוים וואָס זיי זשיפּען, איין גאָט ווייס!
איצט אַז איר קענט שוין נישט נאָר קוקן, נאָר אויך זען —
נישט נאָר טראַכטן, נאָר אויך פאַרשטיין
און ס'איז אייך שוין געלויבט השם יתברך באַשערט
צו קענען ציילן און קלעטערן די טרעפּן צווישן הימל און ערד,
איצט אַז איר האָט שוין צו מזל דערלעבט פּונקט צו דער האָר
(ביז הונדערט און צוואַנציק טויזנט)
פינף טויזנט זיבן הונדערט און פינף יאָר
זינט דעם געבענטשטן נס
פון אייער געבורט, דורך דעם געבורט פון שבת,
איז שוין איצט די העכסטע צייט איר זאָלט ווערן באַקאַנט
מיטן יידס אידילישן אידייאַל דעם געהעריגן,
אייערע נשמהלעך זאָלן פלאַקערן ווי אַ בראַנד
מיט ישראלס שבת־ועבודה פּלאַן —
דעם זיבן טויזנט יעריגן.

דערפאַר קינדערלעך וועט איר קריגן ש"י עולמות אַ בר־מצוה מתנה
ווען איר וועט אי"ה דרייצן טויזנט יאָר אַלט ווערן,
איר וועט דאַן זיין אויסגעקאָכט מיט זון און לבנה
און זיין „פאַן בראַט“ מיט פּלאַנעטן און שטערן.

און דער בעלפער איז מיט די בני ישראל אַרויף אויף דעם הר־השירה,
מיט דער הילף פון שמות און אותיות אַרויפגעדראַפּעט, אַרויפגעקלעטערט,
זיי זאָלן הערן אַ בשורה פון זייער פאָלקס יצירה —
זייער צופעליגער עצבות און לצנות אויפן אייביק אויערענדן באַרג ווערן צושמעטערט.

און זיי האָבן פון דער הייך דערזען דייטלעך גענוג,
אַז דער שבת־מלכהס טראָן איז דער חוה־חשירות,
און זיי האָבן פון דער הייך געטאָן פאַרשטיין
אַז די גאַנצע וועלט איז אירס אַ כלי־זמר,
און דאָס כלי־זמר איז איר היים, איר דירה.

און זיי האָבן פון דער הייך גוט געהערט,
אירע ויגנעגדע רייד מיט זייער האַרץ־קלאַפּ באַגלייט!
ווי שבת־אויבס עס פאַרציקט און פאַרצערט
מיט דער בענטשונג פון פייערדיקער פרייד.

אַ פייערדיקער פרייד וואָס האָט צוזאַמענגעשמאָלצן
ווי ס'שופר־של־משיח שאַלן
דעם צובראָכענעם, צוברעקלטן ישראל,
און געמאַכט פון אים אַ פעלז, אַ מאָנומענטאַל,
פון געלייטערטן פריילעכן קריסטאַל.

אבא לעווי

## די שבועה פון געטאָ

(פראַגמענט פון אַ דראַמע אין פיר אַקטן)

(עס רעדשיינען משה און עטל, אַ שוישפּילער און זיין פּאַרטנערקע, ביידע אין די מיטעלע יאָרן, נייען אָנגעטאָן אין טראַנטעס מיט דער געלער לאַטע).

משה (אַטעמט טיף): אַ, וואָסרע הערלעכע נאַכט, ווי די לבנה שיינט, ווי די שטערן פינקלען! פרילינג, אַ נייער פרילינג ווערט געבוירן.

עטל: מאַכסט זיך שוין ווידער נאַריש, אַלטער האַמעריאַנט. דאָ גיט עס נישט קיין פרילינג, נאָר אייביקן, אייביקן ווינטער, און מאָרגן, כאַ, מאָרגן! „טרעבלינקאַ!"...

משה: עטל, וואָס איז געשען מיט דיינע אויגן און אויערן? וואָס רעדסטו עפּעס פאַרא שטותים? זעסטו דען נישט דאָרט יונגע, פרישע בלעטער אויף די ביימער, פילסטו דען נישט ווי די בלומען רוסטן, ווי די וועלט דערוואַכט צו אַ נייעם לעבן? און הערסטו נישט דאָרט (ווייזט אויף אַ גאַס) דעם זילבערנעם קוואַל שפּרודלען, דעם קוואַל פון שיינקייט און ליבע. און הער זיך נאָר איין מוזיק שפּילט, אַ געטלעכע מוזיק פון פרייקייט!

עטל (מיט אַ ביטערן געלעכטער): דו און דיינע חלומות, מאָרגנע, ווי איך בין נאָך אַ ייִנג מיידל געווען האָב איך דיר געגלויבט. דאַמאָלט האָסטו מיר געשוואוירן, אַז דו וועסט אַמאָל אַ גרויסער קינסטלער זיין, אַז די גאַנצע וועלט וועט פאַר אונדז אויף די קני ליגן; און דערווייל האָבן מיר אָפּגעפּירלט אונדזערע יאָרן אויף די אָרעמע יידישע טעאַטערברעטלעך, און צומאָל נישט



באַווייזן חתונה האָבן, און זיך אפילו נישט געקענט דערשלאָגן צו אַנשטענדיקע בגדים און שיך.

משה: דו נאַריש קינד, איז עס דען נישט אַלץ אמת וואָס איך האָב דיר געזאָגט? איז דען משה פיינער נישט קיין אמתער קינסטלער? עפן נאָר דיינע אויגן, קוק דאָך נאָר אַביסל בעסער זיך אין מיר איין און דערקען דעם אמתן קינסטלער, דעם קינסטלער פון חלום, אָט דאָרט, טיף אין חלום ווינט זיך מיין קונסט, דאָרט מאַך איך מיר מיין מלבוש, נישט דאָס מלבוש מאַכט מיך, דאָרט בין איך אַ מלך און די וועלט קניט פאַר מיר, יאָ, דאָרטן זייגען מיר פאַרשמידט מיט אייביקע קייטן פון יוגנט און ליבע, און בלייבן אייביק יונג און פאַרליבט, דאָרטן יום־טובן מיר אויך אונדזער חתונה. וואָס איז דען די גאַנצע ווירקלעכקייט ווי דו רופסט עס? פאַר דעם בעקער אַן ענגער קעלער מיט אַ באַקאויוון, פאַר דעם באַנקער נאָך אַן ענגערער שטאָלקאַסטן מיט געלט, פאַר דעם פּאָליטיקער אַ ווערנגדיקער נעץ פון שקר און אינטריגעס, אָבער פאַר אונדז קינסטלער איז עס דער חלום, יאָ טאַקע, דער חלום איז אונזער ווירקלעכקייט, דער חלום איז די ריינסטע קונסט.

עטל: נו קינסטלער, באַווייז מיך אַרויסצונעמען פון געטאָ אַז דיין חלום איז ווירקלעכקייט, שטיל מיר מיין הונגער מיט דיין קונסט, מאַך אַז מאָרגן...

משה: געטאָ? וואָס רעדסטו? דאָס נאַרטן קאָפּע איז דען אַ געטאָ? מאָרגן — ווער מאָרגן, וואָס מאָרגן?... (זעצט זיך אוועק אויף אַ שראַגן) שטייט דען אין געטאָ אַזאַ ווייטנערעקטער, שמעקנדיקער טיש, מיט אַזעלכע ווייכנעפּאַלסטערטע בענקלעך? קעלנער!

עטל (שפּעטיש): איר ווילט מיין האַר?

משה: לעקער און בראַנפן, געהאַקטע לעבערלעך, צוויי פרישע ביפשטיק מיט 10 ווייסע בילקעס און דערנאָך אַ גוט ביסל צימעס און טאַקע אויך אַ פּאָר פונט טייגלעך און מאַראַנצן און זאַפטיקע בירן. (ער נעמט אַרויס אַ פּאַרטריקנט שטיקל ברויט פון זיין קעשענע, רייסט אָפּ אַ העלפט גיט זי עטלן, ביידע באַגינען פיבערהאַפט צו קייען) אַ, וואָס פאַר אַ פיינע געגרזעם פּולקע!

עטל: ביפשטיק האָסטו דאָך באַשטעלט, אַ פרישן ביפשטיק!

משה: נעגרזעם זאָג איך איז עס! אַ שיינע מעשה משה פיינער זאָל שוין נישט מער געדענקען וואָס אַ שטיקל נעגרזעם איז. (ער ציט אַרויס אַ בעכערל פון זיין טאַש, גייט צו צו אַ וואַסערלייטונג וואָס איז פאַר אַ הויז און פילט דאָס בעכערל אָן), אַ, אַ פאַס, אַ גאַנצער פאַס מיט ווייַן! וואָס ווילט איר מאַדאַם, שאַמפּאַניער, וויסקי, אָדער פּאָרט? איך האָב אַלץ וואָס איר ווילט.

עטל: שאַמפּאַניער, ריינעם שאַמפּאַניער, ריין ווי דיינע ליבע טרערן. (זי טרינקט אַ ביסל און גיט אים צוריק דעם בעכער; עס טרייסלט איר פאַר קעלט).

משה: וואָס איז? קענסט נישט פאַרטראָגן אַ גוט ביסל ווייַן? קוק מיט איין צי לאָז איך עס אַרונטער. (טרינקט אויס דעם בעכער) אַ, דאָס מאַכט אייַנעם וואַרעם!

עטל: וואַרעם ווי דיין שמעקנדיקער טיש מיט דיינע געפּאָלסטערטע בענקלעך.

משה: שש, הער, די מוזיק הייבט שוין ווידער אָן צו שפּילן! ווילט איר ניט טאַנצן מיט מיר, מאַדאַם? (ער נעמט זי פּעסט אַרום און זיי פאַנגען אָן אַ שדים טאַנץ בעת עס שפּילט אַנ׳אומהיימלעכע מוזיק).

משה : אָ, זעסטו דאָס איז קונסט, דאָס הייסט לעבן, לעבן אין דער צייט, וואו דער פרילינג האָט אַ זין, וואו דער אָרט בינדט נישט, וואו די פּרייקייט איז אייביק — אין אַנ׳איינציקן מאָמענט — וואו מיר זיינען פריי און אייביק, פריי און אייביק, אין אַנ׳איינציקן, אייביקן מאָמענט... (זיי פאַלן דערשעפּט אויף דער ערט אַנידער. ער ברעכט אוים אין אַ היסטערנשן געוויין בעת זי לאַכט שוידערדיק. נאָך אַ ווײַלע טרייסלט זי זיך פאַר קעלט).

עטל: קום, ס׳איז שוין גענוג. מיר איז קאַלט, לאָמיר אהיים גיין; קום, משה, ס׳איז שוין צייט, עס נעמט שוין טאָגן... עס דערנענטערט זיך...

משה: יאָ, עס טאָגט, און די וועלט גייט ווייטער איר אַלטן גאַנג! אַ וועלט, ווי קענסטו דען אָטעמען בעת דיינע קינדער ווערן דערשטיקט אין בלוט? צי איז דען נישט דאָ קיין בושה אין דיר, אַ לבנה, צו באַלייכטן אַזאַ חורבן? און דו, אָ, זון, ווי קענסטו זיך נאָך אויפהויבן און אַראָפּקוקן אויף אונזערע קברים? ניין, דו טאָרסט נישט מער אויפגיין, עס טאָר נישט מער טאָגן. אַ זון ווערט פאַרגליווערט, לבנה באַגראָב זיך אין שוואַרצן, שטערן ווערט פאַרלאָשן, וועלט בלייב שטיל, און דו אָ האַרץ פון גאָט הער אויף צו שלאָגן, ביז ס׳וועט זיך צעברויזן די גוואַלטיקסטע נקמה און אויפטרייסלען די גרונט־פעסטן פון דער וועלט און ס׳וועלן באַפרייט ווערן דיינע אומגליקלעכע זין! (זיין שלוכצנדיקער געוויין ווערט באַגלייט פון עטל׳ס שוידערדיקן געלעכטער).

בן-ציון מרגליות

## זעלנערישע נאָטיצן

אויך איך בין געווען אָנגעקלייד אַמאָל אין בגדי מלכות... יאָ, איך האָב געטראָגן דעם „קייזערס ראָק"... דאָס איז געווען אַ בלויער ראָק און רויטע הויזן און גרויסע שטיוול מיט אַ רויטער מיטצע און נאַטירלעך אַ לעדערנעם גאַרטל. מ׳האָט מיך צוגעטיילט צו דער קאַוואַלעריע. אַזוי ווי מיר האָבן נישט געהאַט קיין פערד האָבן מיר מיט אָט דער אוניפאָרם געדינט ביי דער אינ־פאַנטעריע. אויפן מעשענעם קנעפּל פון מיין היטל איז געווען אויסגעקריצט פ. י. 1 וואָס הייסט „פראַנץ יאָזעף דער ערשטער". דאָס איז געווען דער סימן אַז איך בין אַ זעלנער פון דער עסטרייכישער אַרמיי (אין דער ערשטער וועלט־מלחמה) און קיינער האָט מיך דעריבער שוין נישט געקאָנט פאַרבייטן פאַר אַ קאָזאַק פון דער ניקאָלאַיס אַרמיי....

און אַזוי איז עס טאַקע געשען, דאָס איינמאָל אויפן פראָנט אין דער בוקאָווינאַ האָבן מיר פאַרלוירן אַ שלאַכט נעבעך, און די רוסישע אַרמיי — באמת קאָזאַקן — האָבן גענומען אונזער גאַנצן רעגימענט אין געפענגעניש און מיך בתוכם... הלמאי זאָל איך לייקענען אַז איך בין געווען אַ גבור היל...



בקיצור איך בין געווען אַ קריגסגעפאַנגענער אין רוסלאַנד און איינמאָל אין יאָהר 1917 בין איך געווען אין דער שטאָט קאַשורא, טולער גובערניע, אַז ס׳איז געקומען פּסח, האָט מיך אָן אָרטיגער ייד איינגעלאַדן צום סדר. ביי אים אין הויז האָב איך זיך דערוויסט, אַז דעם יידנס אַ זון איז אַ קריגס־געפאַנגענער ביי די דייטשן אין דער שטאָט „מאַנהיים", וואו מיינע עלטערן האָבן דעמאָלס געלעבט. איך האָב, פאַרשטייט זיך, באַלד געשריבן מיינע עלטערן און זיי האָבן דעם דאָזיקן יונגמאַן אין אַ געוויסער מאָס אָפּגעדינט פאַר די חסדים, וואָס זיינע עלטערן האָבן מיט מיר געטון. ווען איך בין שפּעטער אינם יאָר 1918 געקומען קיין ניזשני־נאָוואָגראָד און האָב מיך איינ־קוואַרטירט ביים דאָרטיגן שוחט מיטן נאָמען ליבעס האָט זיך אַרויסגעשטעלט דאָס זיין איידעם איז געווען אַ קריגסגעפאַנגענער אין דייטשלאַנד און אַזעלכע פאַלן האָבן זיך געטראָפן אין די טויזנטער מיט אַ גאָר גרויסער צאָל יידן. עס זיינען אויך געווען פאַלן וואו משפחה האָבן געהאַט סאָלדאַטן פון ביידע זייטן פראָנט. אַזעלכע פאַלן האָבן זיך געטראָפן צווישן יידן וואָס האָבן געוואוינט נאָנט פון די גרעניצן. אָפט האָט עס געטראָפן אַז אויף די שלאַכט־פעלדער פון די פאַרשיידענע פראָנטן, בעת מען האָט געשאָסן אויפן שונא האָט מען פּלוצים דערהערט אַ פליסטער פון דער זייט „יהודי?"... יאָ, יידן האָבן געטראָגן פאַרשיידענע בגדי מלכות און אויף אַלע שלאַכטפעלדער זייער בלוט פאַרגאָסן, פון זינט דעם ערשטן יידישן זעלנער וועלכן מען האָט גערופן „קדוש" וועלכער האָט אָפּגעגעבן זיין לעבן פאַרן פוילישן פאָטערלאַנד אויפן שלאַכטפעלד פון ערשטן פויליש־רוסישן קריג (אין יאָר 1610) ביז אויפן היינטיגן טאָג איז עס אַזוי.

אָבער אין דער איצטיקער מלחמה איז עס אַנדערש. איצט האָבן מיר נישט קיין יידישע זעלנער אויף דער צווייטער זייט פון דער באַריקאַדע און במילא האָבן מיר נישט די פאַלן פון יידן אין קאַמף קעגן יידן. אַלע יידן געפינען זיך פון איין זייט אַקעגן דעם דייטשן שונא. אין אַלע אַרמייען פון די פאַראייניקטע קעמפן מוטיג גרויסע צאָלן יידן — אויף דער יבשה, אויפן ים און אין דער לופטן און אויך אונטערן וואַסער... אָבער נישט פון די דאָזיקע יידן וויל איך דאָ ריידן. איך וויל דאָ דערציילן פון יידן וועלכע קעמפן אין אַרמייען פון לענדער צו וועלכע זיי געהערן נישט, וועלכע האָבן בכלל נישט קיין בירגערשאַפטאון קיין פּעסער. זיי זיינען פאַרוואָרפן געוואָרן דורך דעם קריג אין פרעמדע לענדער און האָבן זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן צו די אַרמייען פון די דאָזיקע לענדער. פיל פון זיי, דער גרעסטער טייל טאַקע, ווייסן נאָך נישט וואָס מיט זיי וועט געשען. אָט האָבן מיר נישט לאַנג געהערט פון דעם בריטישן אינערן־מיניסטער, מר. מאָריסאָן, אַז דינען אין דער בריטישער אַרמיי גיט נישט דאָס רעכט צו באַקומען די בריטישע בירגערשאַפט אָדער אפילו דאָס רעכט דאָס שפּעטער צו באַקומען. אָבער איך בין ניט אויסן דאָ מיך אַריינצולאָזן אין פּאָליטישע פּראָבלעמען, לאָמיר בעסער דערציילן אַ ריי מלחמה־עפּיזאָדן וועגן די דאָזיקע „תלושים", וועלכע זיינען לויט מיין

מיינונג ווערט פאַרצייכנט צו ווערן. צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים קאָן איך לײדער די נעמען פון די פּערזאָנען וועגן וועלכע עס רעדט זיך דאָ נישט אָנגעבן.

במשך פון אַ געוויסער צייט האָב איך געקענט דעם יונגמאַן זאַנוועל ג. פון לעמבערג. ער איז געווען אַמאָל אַ סטודענט דאָרטן. בעת ס'איז אויסגעבראָכן דער קריג האָט ער זיך געפונען אין ענגלאַנד. קוים מיט שווערער מי האָט ער זיך איינגעבעטן אין דער בריטישער לופט־מאַכט. איידער ער האָט אָנגעהויבן פליען אויף אָפּעראַציעס קעגן שונא איז ער נאָך איינמאָל געקומען צו מיר, מיר איבערגעגעבן זיין שפּאָרביכל און געבעטן, אויב ס'זאָל מיט אים וואָס געשען, זאָל איך זיין „פאַרמעגן" איבערגעבן זיינע עלטערן. ער איז געפלויגן און מער נישט צוריקגעקומען... צי לעבן נאָך זיינע עלטערן? צי וועל איך זיי קענען אַמאָל איבערגעבן זיין „ירושה"? דערווייל איז זי ביי מיר...

דזשאָרזש ק. איז געווען דער איינציקער זון פון מיין שוועסטערקינד. זיינע עלטערן זיינען אַלס פּוילישע בירגער פאַרשיקט געוואָרן פון דייטשלאַנד קיין פּוילן אינם יאָר 1938. ער אַליין איז נישט געווען קיין בירגער פון קיין שום לאַנד ווייל ווען ער איז אַלט געוואָרן 18 יאָר אין חודש מערץ 1943 איז ער פרייוויליק צוגעטרעטן צו דער בריטישער לופט־אַרמיי. ער איז געפלויגן און מער נישט צוריקגעקומען. זיינע ציווילע מלבושים מיט זיין סדורל האָט מען מיר די טעג צוגעשיקט. ווער ווייס וואו זיינע עלטערן זיינען? זיי האָבן געלעבט אין געטאָ פון קראָקאָ און צולעצט אין טאַרנאַ. ווער ווייס צי וועלן זיי נאָך אַמאָל הערן וועגן זייער זון? צי וועל איך זיי קאָנען דערציילן און אָבגעבן אַ לעצטן גרוס? אַ לעצטן גרוס פון זייער איינציק קינד וועלכעס זיי האָבן מיר איבערגעגעבן אָפּצוהיטן? ער האָט אָבגעגעבן זיין יונג לעבן אין קאַמף קעגן שונא פון יידישן פאָלק.

„העלאָ" הער איך אַ שטים דורכן טעלעפאָן. עס רעדט אַ יידישער סאָלדאַט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. איך בין ווידער דאָ, זאָגט ער. יאָזעף ה. איז זיין נאָמען. ס'שטעלט זיך אַרויס, אַז ער איז דער זון פון דער פאַמיליע, וועלכע איך האָב ערב דעם קריג אַרויסגעראַטעוועט פון ווין, וועלכע זיינען אַגב געוואָרן דאָ אינטערנירט אין יאָר 1941 און ערשט 1944 אָבגעפאָרן קיין אַמעריקע. דער זון האָט זיך דאָרט באַלד נאָך זיין קומען דאָרט געמעלדעט און איז איצט אַ אַמעריקאַנער זעלנער און שלאָגט דעם שונא אין דייטשלאַנד. אַזעלכע יידישע סאָלדאַטן גיבן אונז אַ געפיל פון נקמה.

אַ יידישער סאָלדאַט קומט צו מיר און ברענגט גרוסן פון זיינע עלטערן וועלכע זיינען געווען מיינע שכנים. זיי שטאַמען פון אַ גאַליציש שטעטל. זיי זיינען מגולגל געוואָרן קיין אַמעריקע. דאָרטן האָט דער זון זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי. געקעמפט — אַזוי דערציילט ער — אָנדערטהאַלבן יאָר אין איטאַליע, אַפריקע, און איצט גייט ער קיין דייטשלאַנד. אַ פיינער מענטש, אַ



פרומער. ער האָט, זאָגט ער, די גאַנצע צייט קיין טריפה געגעסן, אַליין איז ער אַדוואָקאַט פון באַרוף. ער איז געווען... יאָ, געווען. אָט באַקום איך אַ בריוו פון אַמעריקע און מ'שרייבט מיר, ער איז געווען צווישן די ערשטע קרבנות וועלכע זיינען געפאַלן אין דער נאָרמאַנדי. אָרעמער פריינט מיינער שלמה ג. מיט זיין ווייב. דער איינציקער זון.

מיין רבי—זאָל לעבן—דערציילט מיר זיינע דאגות. זיין זון האָט דווקא באַשלאָסן זיך אָנצונעמען די יידנס קריוודע און גיין צו דער אַרמיי. אָבער נישט אַלס אַ פּשוטער סאָלדאַט. ער איז אין דער נייווי. אַ ריכטיקער מאַטראָז. ער נעמט אַוועק די מינען פונם ים. הייסן הייסט ער נאָך אַ גרויסן צדיק און איז אַ וואַוילער בחור, ער טוט זיין עבודה בשלימות און מיט העכסטער דביקות, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ זון פון אַ רבי. דער זכות פון הייליקן צדיק זאָל אים ביישטיין...

ס'קומט צו מיר אַריין אַ יידישער סאָלדאַט אין בריטישער אוניפאָרם. ער זאָגט אַז ער האָט אַ הנאה צו זיין אין אַ יידישע הויז ובפרט אַז ער זעט ספרים און ש"ס. פון וואַנען איז אַ ייד? פרעג איך. פון מאַנשעסטער זאָגט ער. אין מאַנשעסטער וואוינט איר אוודאי זאָג איך, אָבער פון וואַנען קומט איר פרעג איך. און דאָ נעמט דער סאָלדאַט אַרויס זיין פּאַקעטל דאָקומענטן און ס'שטעלט זיך אַרויס, ער האָט סמיכת הרבנות. ער איז נישט פון מאַנשעסטער נאָר פון טשעכיע. אָבער ער איז אויך נישט אַ טשעכישער בירגער נאָר אַ אונגאַרישער, ווייל זיין שטאָט וואו ער איז געבוירן האָבן די אונגאַרן פאַרנומען אַזוי אַז ער ווייס נישט וואָס סאַראַ בירגער ער וועט נאָך דער מלחמה זיין. די גאַנצע משפחה ווער ווייס, זאָגט ער, וואו זיי זיינען.

אַ רב וועלכער איז מיט אַ פּאָר חדשים צוריק געקומען פון רומעניע קיין ארץ ישראל שרייבט מיר און בעט איך זאָל דאָ אויסגעפינען זיין פּלימעניק, אַ שוועסטערס אַ זון, וועלכער דינט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. אין משך פון צוויי שעה געפין איך דעם אַמעריקאַנער אָפיציר דעם זון פון מיין ידיד אַ רב וואָס האָט געוואוינט אין דייטשלאַנד. ער דערציילט מיר אַז נישט נאָר ער אַליין נאָר אויך זיינע צוויי אינגערע ברידער זיינען אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי. די פאַמיליע אין רומעניע האָט זער געליטן פון די רומענישע און פון די דייטשע שונאים.

גייענדיק זוכן דעם דאָזיקן סאָלדאַט גיט מיר די אַמעריקאַנער אויסקונפט די אַדרעס פון אַ אַנדערן אַמעריקאַנער אָפיציר מיט דעם גלייכן נאָמען. דאָ שטעלט זיך אַרויס דער צווייטער איז אַ דייטשער פּליט וועלכער האָט זיך מיט זיינע קרוב צו פופציק יאָר פרייוויליק אָנגעשלאָסן דער אַמעריקאַנער אַרמיי. אָבער נישט נאָר ער אַליין, זיינע אַ טאָכטער איז אויך דאָ און דינט מיט דעם פאָטער אַלס זעלנערקע.

איך קום אין אַ מיליטערלאַגער פרעגן אויב ס'געפינען זיך יידישע סאָלדאַטן וועלכע ווילן האַלטן פּסח. דער קאָמאַנדאַנט אַ בריטישער אָפיציר שיקט מיך צו אַ יידישן אָפיציר וועלכער וועט מיר אָנגעבן די צאָל און נעמען פון

די יידישע סאָלדאַטן. נאָך אַ פּאָר מינוטן שטעלט זיך אַרויס דער הויכער יידישער אָפיציר איז אַ פּוילישער ייד.

עטלעכע חדשים פאַר דער מלחמה האָט מר. דזשיימס ראָטשילד געבראַכט קיין ענגלאַנד פון דייטשלאַנד דרייסיק יידישע קינדער. פון דעמאָלס אָן ביז היינט זאָרגט ער פאַר זיי. מיין הויז געפינט זיך נישט ווייט פון דעם הויז וואו די קינדער זיינען און וואו זיי לעבן און איך בין מיט די לעבנסגעשיכטן פון די קינדער גוט באַקאַנט. אַ טייל פון זיי זיינען אויסגעוואַקסן און האָבן דערגרייכט דאָס מיליטער עלטער און האָבן וואָלונטירט צו דער אַרמיי. איינער געפינט זיך אין פּלאָט, און איז באַשעפטיקט מיט ברענגען די דייטשע געפאַנגענע קיין ענגלאַנד. צוויי זיינען אויפן פראָנט אין האָלאַנד, אַ פערטער איז אין פראַנקרייך און האָט דאָרט געטראָפן זיין מוטער, וועלכע איז אַנטלאָפן פון דייטשלאַנד און אַ דאַנק אַ פראַנצויזישער פאַמיליע געראַטעוועט געוואָרן פון דעפּאָרטאַציע קיין פּוילן. ער דער סאָלדאַט אין בריטישער אוני־פאָרם שרייבט, זיין מוטער האָט אים נישט דערקאָנט, ווייל זי האָט אים דאָך נאָר געקאָנט אַלס אַ קליינעם קינד. איינער וואָס איז אינם יאָר 1942 אויס־געוואַנדערט מיט זיינע עלטערן קיין אַמעריקע האָט דאָרט וואָלונטירט און דינט אין דער אַמעריקאַנער נייווי. איינער איז אַ פּאַראַשוט און איינער, וואָס איז געווען אין אַ קיבוץ איז איצט אין דער יידישער בריגאַדע. דער אינגסטער וואָס איז גראַד איצט 18 יאָר אַלט האָט באַשלאָסן זיך אויך אָנצושליסן אין דער יידישער בריגאַדע. ס'איז כדאי צו באַמערקן דאָס טעכניש, ד.ה. לויטן געזעץ, זיינען זיי דייטשן און צוויי פון די קינדער זיינען אויך בשעתו געווען אינטערנירט. די אַנדערע זיינען נישט געוואָרן אינטערנירט ווייל קינדער אינגער פון 16 יאָר האָט מען נישט באַטראַכט אַלס שונאים.

איך וויל ענדיקן מיט די ביידע זין פון מיינע פריינט פאַמיליע ג.

דער פּאָטער און די מוטער זיינען אַלע יאָרן צווישן די עוסקים בצורכי ציבור ובפרט אין פּויליש־יידישע קרייזן. אויך דאָ אין ענגלאַנד זיינען זיי ביידע אין דער שפּיץ פון די פּויליש־יידישע פאַריינען. זייערע ביידע זין דינען איינער אַלס אַ אָפיציר אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי און דער צווייטער אַלט אַ אָפיציר אין דער בריטישער נייווי. דאָס אינטערעסאַנטסטע ביי דער פאַמי־ליע איז וואָס קיינער פון זיי באַזיצט אַ בירגערשאַפט, ווייל זיי שטאַמען פון דעם געביט וועלכעס איז איצט צוגעטיילט געוואָרן צו יענער זייט פון דער ליניע.ווער ווייס? די עלטערן האָבן ביז איצט באַזיצט די פּוילישע בירגער־שאַפט. די קינדער זיינען נאָך געווען יונג אָנצונעמען וועלכע ס'איז בירגער־שאַפט. ווער ווייס וואָס סאַראַ פּעסער מ'וועט אַלע פיר נאָך דעם קריג געבן?

איך האָב געוויילט די עטלעכע ביישפּילן וועלכע זיינען לויט מיין מיינונג כאַראַקטעריסטיש גענוג און ווערט פאַרצייכנט צו ווערן. יאָ! יידן טראָגן אַ סך פרעמדע בגדי מלכות אבי דעם שונא צו שלאָגן.



## אונזערע באַמיאונגען צו געווינען דעם נצחון . . .

(קריגס־באַריכטן און שלום־פּלענער)

## אונזערע סאָלדאַטסקע שרייבער

1

מיר יידישע שרייבער דאָ אין לאָנדאָן, מיר זיינען דווקא נישט קיין צו גרויסע העלדן, — פון די גבורי ישראל שוין אודאי און אודאי נישט! — אָבער ביז צום „פּריוועט", צו אַ „סטאַף־סערזשאַנט", אפילו ביז צום גלאָוונעם אָפיציר, האָבן מיר זיך דאָך אַרויפגעאַרבעט, אין דער איצטיקער וועלט מלחמה. מיר זיינען דאָך עפּעס פאָרט די אור־אייניקלעך פון די „מאַקאַבעער"! און ווייל די אַלע דריי גבורי־המלחמה „ראַנגען" האָבן אויך אַ שטיקל שייכות צו די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָקס, וועלן מיר זיך אויך גרויסן מיט זיי און אָפּגעבן דעם געהעריקן כבוד אין אונזער נצחון-העפטל.

דר. לייב קורלאַנד, אַן אָפיציר אין דער פּוילישער אַרמיי, נאָך איידער ער האָט באַקומען דעם לעצטן טיטל און נאָך איידער ער האָט אַרויסגעגעבן זיין ערשט העפטל לידער און בענדל דערציילונגען, האָט ער זיינע לידער און דערציילונגען פאָרגעלייענט ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס, און נישט נאָר וואָס ער האָט באַקומען זיין ערשטע הסכמה דאָ און די דערמוטיקונג פונם וואַרעמען אויפנעמען אים ביים גרויסן עולם, נאָר אַלע זיינע אורלויבן איז ער תמיד געווען אונדזער ליבער ערן־גאַסט, און אויפוויפיל נאָר דאָס יידישע וויטשעפּל קאָן זיין אַ שטיקל סביבה פאַר אַ יינגען יידישן שרייבער, קאָן געבן אַ טראָפּעלע אַטמאָספערע, האָט ער זי ביי אונדז באַקומען, אַלנפאַלס מיר האָבן זיך באַמיט אים עס צו פאַרשאַפן.

ביים דערשיינען פון זיין יעדן בוך איז געווען אים גאַנץ געווידמעט אַ גאַנצער שבת־נאָכמיטאָג מיט רעדעס, מיט באַגריסונגען, מיט אויסשליסלעכע דעקלאַמאַציעס נאָר פון זיינע געדריקטע און נאָך נישט פאַרעפנטלעכטע זאַכן; אַז מ'שמועסט מיטן בכל־מכל־כל, מיט גאַנצן קלאַפּערגעציי: פון אונדזערע יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָג־מיטלען. זיין לעצטע דערציילונג „די האַק" איז שוין געווען פאַרבונדן אפילו מיט אַ באַנקעט לכבוד אים, דעם מחבר.

אויב מיר דערמאָנען דאָס אַלץ איז עס פשוט, ווייל די גייסטיקע אָרעמ־קייט דאָ איז אַזוי גרויס און יעדער מינדסטער שעפערישער פּרואוו און ווילן־אָנשטרענגונג, וואָס ווערט נאָר דערוואַכט, ווערט תיכף־ומיד דערשטיקט פון טויזנט ליטעראַרישע רכילותלעך און חוזקדיקן ביטול—פרייט עס אונז וואָס די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָקס זיינען דאָך אַ שטיקל אַטמאָספערע, אַ פּיצעלע סביבה, — זאָל זיין אפילו ווי אַ גרוגרת דרבי צדוק! — און נאָך מער פרייט עס אונדז ווייל מיר האָבן מיטגעמאַכט אַ שטיק ענטוויקלונג אין לייב קורלאַנדס זיך באַווייזן ווי אַ יידישער שרייבער און מיר האָפן און ווינטשן אים אין זיין ווייטערן אויפשטייגן אין דער יידישער ליטעראַטור צו נייע און שלימותדיקערע קינסטלערישע דערגרייכונגען.

אין זיין ערשטן העפטל לידער ווייזט זיך אַרויס זיין פּויליש־יידישע

אײנפאכקײט און פאָלקסטימלעכקײט — דאָס תפילהדיקע אין זײנע לידער איז נישט תהילימדיק, איז מענה-לשונדיק און תחינהדיק! לײענענדיק זײן ערלעך ליבע-געבעט ליד צו זײן פרוי, װעלכע איז פאַרבליבן אויף גאַטס באַראָט די גאַנצע מלחמה־צײט אין פראַנקרײך, האָב איך געװאוסט, אז ער װעט זי זיכער געפינען א לעבעדיקע, א געזונטע, א נישט־באַרירטע — איז דאָך דאָס די אײנציקע אויפגאַבע פון שרײבן לידער: פּועל צו זײן מיט זײ! זײ זאָלן זײן װי כשוף שפּרוכן, װי הײליקע השבעות, װי געשריבענע קמיעות — עס גײט סוף כל סוף נישט אינם אויסגעצירקלטן ריטם און אינם געפּונענעם געלונגען־בילד — עס גײט דאָך צו געפינען װאָס מען זוכט, בכל לבבך ובכל נפשך — — —

די דערצײלונג „װיטאַמינען", אין זײן ערשטן בענדל דערצײלונגען, איז שוין א סך מער װי סתם נקמה־טענדענץ און גלײכװערטלדיקער־רעפּאָרטאזש. אין זײן לעצטע דערצײלונג „די האַק" דערגרײכט ער שוין צו מאָמענטן פון פּאָעטישער װיזיע, פון שטעטלשער אידיליע. עס איז שוין נישט אזוי דער עיקר



סטאַף־סערזשאַנט מאָריס סאַכאַטשעװסקי זײן זעלבסט־פּאָרטרעט איצט



דער דראַמאַטישער קאָנפליקט. לײב קורלאַנד האָט אויך לעצטנס אָנגעשריבן א דראַמע אין 4 אַקטן.

אויך „סטאַף סערזשאַנט" י. ח. קלינגער האָט לעצטנס אָנגעשריבן א דראַמע, און די געטאָ־סצענע פון אבא לעװי, װאָס מיר דריקן איצט אָפּ אינם „העפטל", איז אויך פון א דראַמע װאָס „פּרײװעט" לעװי האָט לעצטנס אָנגע־שריבן — אפנים דאָס לעבן פון א סאָלדאַט אין מלחמה־צײט איז „א ביסעלע" צו דראַמאַטיש און דערפאַר װערט די דראַמע די פאָרעם פאַר זײן ליטעראַ־רישן אויסדרוק...

דער שרײבער י. ח. קלינגער, נאָך אײדער ער איז אַרײן אין די סאָלדאַט־סקע מײטקעס, באַלד בײ זײן אָנקומען דאָ אין לאָנדאָן, האָט זיך געדרײט, װי אַלע פריש־אָנגעקומענע־און דאָאיקע תושבים־שרײבער, בײ די יידיש־ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס. „געדרײט" דאָס איז דאָס בעסטע װערטל דערפאַר! מ'דרײט זיך אַרײן, מ'דרײט זיך אַרויס און מ'דרײט זיך װידער אַרײן, — עס איז כל הישר בעיניו יעשה, אָבער והיידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס לעולם עומדת...

י. ח. קלינגער, מיט זײן גײסטיקער רירעװדיקײט און ליטעראַרישער גע־שיקטלעכקײט, האָט שוין באַװיזן אין זײן קורצער צײט דאָ אין לאָנדאָן, נאָך אײדער ער איז אַרײן אין דער ענגלישער אַרמײ אַרויסצוגעבן א העפט־נומער „יידישע טריבונע" און צו זײן דער קולטור־לײטער אינם יידישן פאָלקס הויז („בית עם") און צו זײן גײסטיק מיטטעטיק אינם „אוהל". זײט ער איז אין דער אַרמײ שטײט ער אין ענגען קאָנטאַקט מיט „פרײנט פון יידיש-לשון" און בײ זײן יעדן אורלויב איז ער דער ערן־גאַסט פון די יידיש־ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָקס, װאו ער באַטײליגט זיך װי א הויפּט רעדנער. זײנע דערצײלונגען און אַרטיקלען דריקן זיך אויך פון צײט צו צײט אין אונדזערע „העפטלעך".

קלינגער גיט איצט אַרויס א באַנד דערצײלונגען מיט צײכנונגען פונם באַקאַנטן מאָלער אַלװא — מיט גרויס אינטערעס דערװאַרטן מיר עס בקרוב! און מיר האָפן אויך זײן דראַמע צו זען אויפגעפירט באַלד אין אײנעם פון די לאָנדאָנער יידישע טעאַטערס.

„פּרײװעט" אבא לעװי איז דער זון פון אונדזער פּאָעט יוסף הלל לעװי. ער שרײבט לידער. ער האָט שוין אויך אָנגעשריבן צװײ דראַמעס. די געטאָ־סצענע װאָס מיר דריקן דאָ אָפּ אינם העפטל איז זײן ערשטער אַרויסטריט — מיטן רעכטן פוס „פּרײװעט" לעװי!

## דער מלחמה-באריכט פון „פריינט פון יידיש לשון" קאמיטעט.

### 2

און אויב מ'רעדט שוין פון מלחמה־באַמיאונגען צו געװינען דעם נצחון... און פון גבורי האומה.. מוזן מיר אויך אַרומרײדן און „באַרעדן אביסל" דעם קאָמיטעט פון „פרײנט פון יידיש־לשון".

אין די לעצטע דרײ יאָר אינמיטן דעם צעפלאַקערטן גרויסן קאַמף, װאָס „די יידיש-ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָקס" האָט געפירט מיט די כל־ערלײ

אַסימילאַציע ווינדמילן, באַהאַלטענע און אָפענע, האָבן זיך געזאַמלט די פּאַרטיזאַנער אונדזערע אין אַן אונטערגרונד־באַוועגונג, אין אַ קאַמפּס־פּעאיגע מחנה פון מעצענאַטן־קאָמיטעט־מיטגלידער, מיט פּרעזידענטן און וויצע־פּרעזידענטן, מיט קאַסירער און סעקרעטאַרן וואָס העלפן פירן די סטראַטעגישע שלאַכטן, און לסוף מיט אַן „אָרגאַניזער" וואָס זאָל פירן דאָס „אומשטערבלעכע" פּראָטאָקאָל־בוך, אויף העכסט פּאַרלאַמענטאַרישן אופן.

עס רעדט זיך אַזוי לייכט און עס לייענט זיך דאָ אַזוי לוסטיק — אָבער געטאָן האָט זיך אַלץ אַזוי שווער!... מיט אַזוי פיל קולות וברקים... פרעגט דעם מינדסטען פירער פון אַ שלאַכט וועט ער אייך זאָגן! די מעשה דערפון איז נאָר, וואָס אייזענהויער, מאָנטגאָמערי, זשוקאָוו זיי זעען שוין אַ שטיקל אויסוועג פון זייערע שלאַכטן, מיר אָבער, די „פּריינט פון יידיש־לשון", שטייען נאָך אַלץ ביז איבערן גאַרטל אין — (בעסער איז, אַז מ'זאָגט נישט אויס, אין וואָס!).

אָבער אין טאָג פון נצחון פאַר וואָס זאָלן מיר נישט דערציילן פון אונדזערע געוואַלטיקע קאַמפן און נאָך גרעסערע גלאָריע־זיגן און טאַקע אויסטיילן אונדזערע העלדן די געהעריקע מעדאַלן.

עס איז נישט דער פּאָעט משה עובד, דער פּרעזידענט פון „פּריינט פון יידיש־לשון",—וועלכער האָט סיי ווי סיי אַ פול פענסטער מיט מעדאַלן, ווען נערינג ימח שמו דערזעט עס, נעמט ער איין אַ מיתה משונה, נאָך איידער מ'וועט ים אויפהענגען,—וועלכער ס'באַקומט די ערשטע מעדאַל. עס איז י. ביעטש! זייט יענעם שבת, דערזעענדיק אים לייענען די לאַנגע שלום־עליכם דערציילונג, קומענדיק ולייך פונם אָפּעראַציע־טיש מיט איין פאַרבאַנדאַזשירט אויג, בשעת אין דרויסן האָט עס געהאַלטן אין איין האָגלען מיט „ראָקעטס"— דעמלט־אָט האָב איך ערשט פאַרשטאַנען דעם שיר השירים־פּסוק: „לבבתנו באחת מעניך!" איך פריי מיך תמיד, ווען איך הער אים פאַרלייענען אַזוי במתינותדיק און בנעמותדיק אַ פּרץ־שלום־עילכם, אַ אש־ראָזענפעלד דערציילונג—דאָס יידישע שטעטל שטייט מיר דעמלט פאַר די אויגן, ווייל כ'זע ווי ס'שטייט אים פאַר די אויגן, און ער לייענט עס נאָר אַראָפּ אַזוי בדחילו ורחימא פון די הייליקע בלעטלעך פון אונדזער יידישער ליטעראַטור. און תמיד ווען אין אונדזערע „העפטלעך" ס'איז דאָ אַ דערציילונג פון ביעטש'ן איז מיר דאָס העפטל איינגעבאַקענער און טייערער — עס איז דאָס געוואַלטיגע אחריות־געפיל וואָס ער האָט צו אונדזער אַרבעט.

איצט ווייסט איר שוין פאַרוואָס י. ביעטש האָט דעם ערשטן און גרעסטן מעדאַל. ער איז דאָך דער איינציקער קאַסירער פון „פּריינט פון יידיש־לשון", און אונדזער עקס־רעציטערער ווייסבראָט איז דאָך אויך איצט עקס־קאַסירער.

דאָס געלט אָבער גיט משה עובד! איבער פיר יאָר זיינען אי די „שבת־נאָכמיטאָקס" אי די „העפטלעך" געוועזן אַ חי נושא את עצמו. דער יידישער „רידינג־רום" האָט געגעבן דעם זאַל פאַר די שבתים, די העפטלעך האָבן זיך פאַרקויפט און ס'איז נאָך געבליבן אפילו צו באַצאָלן דערפון דעם וועכנטלעכן



אַנאָנס אין די „צייט". שפּעטער ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף מיט דער אַסימילאַציע: „כלו לה'" האָבן מיר געפאָדערט, ד.ה. איינגאַנצן יידיש! האָבן מיר באַקומען צו אונדזער דיספּאָזיציע דעם גרויסן זאַל פונם יידישן שעלטער — אָ, די שלאַכטן דעמלט און די סטראַטעגיע־צוגן, פון לינקס און פון רעכטס און פון כל־ערליי אָנשיקענישן, — קווינסלינגען בלע"ז! הלא הם כתובים, זיי מוזן ערשט אויפגעשריבן ווערן—נאָר ווער האָט כוח דערצו!... און אַז מיר האָבן 100 פּראָצענט געזיגט און צוריק אַריין מיט גרויס כבוד און פּאַראַד אינם „רידינג־רום" איז געקומען אַ „ראָקעט" און געטראָפן גלייך אין פענסטער אַריין פון „רידינג־רום" — נאָך גוט, וואָס נישט גראָד דריי אַזיינער שבת נאָכמיטאָג.

צוריקגיין אין שעלטער אַריין איז שוין נישט געווען מער מעגלעך, ווייל די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן האָבן איבערגענומען דאָס — — — ווער ווייסט וואָסער אַמעריקאַניש־ענגלישע אַסימילאַטאָרישע סטראַטעגיע עס האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט אונטער אונדזערע פּאַרטיזאַנער פּלייצעס! זיינען מיר געבליבן מיט אונדזער „דזשואיש וואָר" קרח מכאן וקרח מכאן — כאָטש נעם ס'גאַנצע ביסל וויטשעפּלער יידן אויף דיינע שמאָלע פּלייצעלעך און טראָג זיי כאָטש אין „הייד פּאַרק" אַריין — — —

און דעמלט, אין דער סטראַטעגישער „קעשענע" אין וועלכער מיר זיינען טיף געלעגן, האָט זיך באַוויזן דער פּאַרטיזאַן משה עובד אין די וויטשעפּלער גאַסן. ראָקעטס פאַלן לינקס, באָמבעס פאַלן רעכטס און מיר גייען, אין דער מיט: ווער מיר "קעשענע" וואָס מיר „קעשענע", אַז ס'איז דאָ מזומן אין קעשענע קריגט מען אַ זאַל, און אַז שוין אין פירן תקופה איז וואָס עפּעס אַ העפטל פון 16 זייטלעך — 32 זייטלעך! — 40 זייטלעך!! — 48 זייטלעך!!!

וואָס, די יידישע ליטעראַטור איז עס נישט ווערט? אַזאַ יאָר אויף מיר: אויב משה עובד האָט געמאַכט אַמאָל גוטן מסחר איז עס געוועזן היי־יאָר — ער אַליין ווייסט עס אַ סך בעסער! מיט אַ דיכטער האָב איך ליב צו ריידן „פּלעען" מסחר — ביאַליק האָט עס אויך אַזוי ליב געהאַט...

און אַז מ'רעדט פון יענע קאָכעדיקע צייטן פון סטראַטעגיע און קאַמף זאָל מר. בערמאַן אויך באַקומען איצט זיין מעדאַל — ער איז דאָס געוועזן דער „העפטל־פאַרקויפער", ווען איך בין צוזאַמענגעבראָכן אין מיין מלאכת הקודש — יאָ, פאַרקויפן אַ געדריקט יידיש־וואָרט איז אַ הייליקע אַרבעט, אין אַ לאַנד וואו מער ווי אַ מנין יידן שטרעקן נישט אויס אַ האַנט פון אַליין, צו קויפן אַ יידיש בוך...

אונדזער וויצע־פּרעזידענט איז דווקא אַ פּרעזידענטין! ס'איז די שוישפּילערין דאָרא דימאַנט. און אויב זי טרעט אויף ביי אונדז כמעט מדי שבת בשבת, און אין קיין איינס פון ביידע היגע טעאַטערס — מוז מען זיכער מער מטעים זיין דאָס וואָרט „היגע" ווי דאָס וואָרט „טעאַטער"! פאַר פּרצעס „מאַניש", פאַר „חופּה קלייד", פאַר „משוגענעם בעטלן", פאַר שלום־עליכמס

„מאַטל פּײסע דעם חזנס“ קומט איר דעם ערשטן מעדאַל פון אַלע אונדזערע פאַרלייענערס.

אייזיק גאָלדבערג, אונדזער גענעראַל־סעקרעטאַר, האָט געמאַכט אַ ויברח — נישט פון די שבת נאָכמיטאָגס חלילה, ווי אונדזער סעקרעטאַר השני, וואָס האָט נישט דעם נאָמען אייזיק!... — נאָר פּשוט ער האָט זיך געהאַט איבערגעשראָקן פאַר אַ „ראָקעט“. נו, דערפאַר איז „פּריינט פון יידיש־לשון“ געוואָרן אַן אויסגעברייטערטע אימפּעריע: מיט איין קלאַפּ האָט ער דעראָבערט גאַנץ מאַנשעסטער! עס פאַרשטייט זיך מיט דער הילף פון אונדזערע „אַליים“ די פּאַרטיזאַנער־אַקטיוויסטן פונם „יידישן קולטור קלוב“, וואָס האָבן אויך אָפּגעריקט — מסתם איז דאָס געווען אַזאַ סטראַטעגישער־טריק פון אונדזער לינקן־פליגל, אָפּגעשמועסט מיט דעם אַלטן מאַנשעסטער יידישיסט־גורילאַ אַלמאַן. אַלנפאַלס אין זיין דעקלאַמירן די סאָוויעטישע דיכטער האָט אייזיק גאָלדבערג קיין פאַרגלייך אין גאַנץ מלכות ענגלאַנד, ווי אונדזער „ענזאַ“ רעקלאַמאַטאָר מ. ניסנבוים אין זיין רעציטירן משה נאַדיר.

מיר האָבן פאַרלוירן אין מיטן די קאָלאָסאַלע אויסערלעכע אָפּן אינערלעכע מחלוקתלעך און אַקטיוויסטן שלאַכטן אונדזער לאָנדאָנער העברעער־גורילאַ הגבור הנורא שלמה אויערבאַך — איך באַטאָן מיר האָבן אים פאַרלוירן! — אָבער ווער נאָך ווי ער דער מצודה-שרייבער און איבערזעצער קאָן ריכטיק אויסטייטשן דעם פּסוק „יגעתי ומצתי תאמין“... ער האָט זיך „אויסגעגרינט“ ביי די „שבת־נאָכמיטאָגס“ און איז געוואָרן דער „ליבלינג“ פון די ווייטשעפּלער מאַסן, געבן מיר אים מיט אונדזער ברכה ער זאָל נושא פּירות זיין צווישן די טרוקענע בלעטלעך פון די „עלים“ און כאָטש אַ פונק מיטנעמען פון אונדזער „אש זרה“, אָנצוצינדן די אַלע אויסגעלאָשענע „אַלטאַרן“ דאָ פון עברית און (אוי!...) ענגליש.

דערפאַר האָבן מיר געפינען חזן שמואל ראָטה און אליהו פּאַלושאַק. דעם ערשטן ווי אַן אויסגעצייכנטן זינגער און קענער פון אָריענטאַלישע מעלאָדיעס און איינער פון אונדזערע באמת בעסטע שלום־עליכם פאַרלייענער, דער צווייטער ווי אַ מאַסן־רעדנער און אַ טיכטיקער אָרגאַניזירער. זיי ביידע קומט דאָך יעדן איינעם צו צוויי מעדאַלן: נאָר חזן ראָטה, אַזוי ווי ער האָט דאָך סיי ווי סיי שוין גענוג צרות, וואָס ער חברט זיך מיט אונדז „פּושעים“ און „אַנטי־ציונים“, גיי הענג אים אָן צוויי מעדאַלן, ער זאָל נאָך האָבן גרעסערע צרות. און פּאַלושאַק וועט שוין מוזן וואַרטן אויף די צוויי מעדאַלן ביז צום זיג איבער יאַפּאַניע, און דעמלט, אַז ער וועט אויסהאַלטן, וועט ער קריגן מסתמא די גאַנצע דריי מעדאַלן, ווייל ער איז דאָך אַ מאַדים אין תכסיסי־מלחמה...

די אַלע מעדאַלן אָבער וועלן ערשט אויסגעטיילט ווערן, ווען אונדזער קאָמיטעט-מיטגליד דער מעכאַניקער קינגסטאָן וועט זיי אויספּערטיקן.



# נאָכן זיבן־יאָריקן קריג פון די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס

3

ווער בין איך דאָס אַזוינס איך זאָל דאָס אויסטיילן די מעדאַלן ? איך בין דער פאָרזיצער פונם „קאָמיטעט“ פון „פריינט פון יידיש־לשון“! וואָלט דאָס נאָך געווען אַ האַלבע צרה... בין איך אויך „דער לייטער“ פון די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס, און חברה קולטור־טרעגער (נאָך גוט וואָס נישט קולטור־בעקער!) קריכן אויף מיר ארויף און אַראָפּ ווי אויף יעקבס חלום־לייטער — מיט דעם איז אויך שוין פאַרענטפערט רש״י קשיה דאָרטן אויפן אָרט — „והבן“: צוערשט קריכן זיי טאַקע ארויף, די דאָזיקע מלאכים און דערנאָך, אַז זיי זיינען שוין סאַמע אויבן, ווייסן זיי שוין אַליין וואָס זיי האָבן צו טאָן...

און כאָטש יידיש־לשון, ערלעכער געזאָגט, „פריינט פון יידיש־לשון“, לאָזט זיך אַלץ מער און מער הערן אויף דער יידישער גאַס דאָ און ביי יעדער גייסטיקער און קולטורעלער אונטערנעמונג פאַרנעמט זי, מיט איר טעטיקייט (נישט מיט איר פידל שפּילן... דערפאַר געברויך איך בעסער דאָס וואָרט „טעטיקייט“ ווי די ערשטע פידל!) דעם ערשטן פּלאַץ, וועט אָבער דאָך דער „קאָמיטעט“ פאַרבלייבן, פאַר די יידיש־ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס, אַ „קיקיון דיונה“, וואָס אין איין טאָג קאָן ער פאַרשווינדן פון אונדזערע שבתדיקע אַנאָנסן (די איינציקע לאָנדאָנער „פּאָפּולאַריטעט“ מ׳שטיינס געזאָגט, — אָ, ווי איך האָס דאָס גענזלפיסלדיקע וואָרט!)—וואָרים פּאַרטיזאַנער, אונטערגרונד-קעמפער בשעתן נצחון, איז, אָדער זיי זיינען בכוח זיך צו שטאַביליזירן אין אַ געפעסטיקטע מאַכט, אָדער זיי פאַרשווינדן.

יאָ, אויב דער קאָמיטעט פון פריינט פון יידיש־לשון וועט נישט זיין ביכולת צו שטיין אויף אייגענע פיס מוז ער אומפאַלן, — אַ גענזלפיסלדיקער קאָמיטעט, וואָס באַשטייט פון „העלפן“, פון מעצענאַטן, שטייט אויף הינערשע פיסלעך און אויף הינערשע פיסלעך שטייט זער אָפּט און זער קונציק — דער טייפל! און גיי זיי אַ חכם און שריי: אני שלמה — — — —

צוואַנציק „העפטלעך“ פאַרקויפט צו צוואַנציק מענטשן, וואָס לייענען זיי, איז וויכטיקער ווי צוואַנציק „העפטלעך“ פאַרקויפט פאַר 20 פונט. זעכצן זייטלעך, 8 זייטלעך וואָס טראָגן זיך אַליין, איז וויכטיקער ווי 48 זייטן וואָס מ׳מוז זיי אונטערהאַלטן. און ווער רעדט ערשט, ווען אַ ליטעראַרישער זשורנאַל ווערט ענג־פּאַרטייאיש, דעמלט דריקט מען שוין נישט אויף די זייטן לידער און דערציילונגען, נאָר ביינקעס און פּיאַוועס. (דאָס זיינען שוין עקסטרע קאַפּיטלעך פאַר זיך...)

דאָס איז אַלץ וואָס בנוגע אונדזערע „העפטלעך“ !

וואָס שייך די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס, איז עס געוועזן ביי זייער בראשית אַ גאַנץ פּשוטע זאַך: דאָס יידישע ווייטשעפּל, קיין עין הרע, פון אַ קיבוץ פון אַ 50-60 טויזנט יידיש־ריידנדיקע מענטשן, און די גאַנצע זאָרג פאַר יידישע קולטור פן דער יידישער קהלה דאָ איז — ווי

א קאָאָרדינאַציע פון „בעריעל סאָסייטים“! — זי צו באַגראָבן, און וואָס טיפער . . . און די „קאַנטי קאַנסיל“ מיט איר גאַנצער דעמאָקראַטישקייט, האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז מ׳מוז געבן כאָטש איין איינציקע ראַדיאָ שעה אין דער וואָך פאַר די „פאָרענערס“ — פונם ריינעם סאַניטאַרן שטאַנדפּונקט אַליין שוין איז עס דאָך אַ נויטווענדיקייט, דעם האָראָפּאַשנעם מענטש פון זיין טאָג־טעגלעכקייט אַרויסצורייסן, כאָטש אויף איין שעה אין דער וואָך, די שווערע פיזישע מעלאַנכאָליע צו פאַרטרייבן מיט אַ טראָפּן גייסטיקייט — — —

און וואו נאָך איז עס דען מער נויטיק ווי דאָ, די מאַסן צו ליטעראַרישע־און קונסט־אָוונטן צוזאַמענצורופן, פון דער שיינער ליטעראַטור פאָרצולייענ„, פאָלקס־לידער צו זינגען, צו דעקלאַמירן פּאָעזיע איבער ביימער און בלומען, איבער הימל און פייגל, ווי דאָ אין די געסלעך, וואו אַ בוים איז שווער צו געפינען, וואו אַ בלום איז אַ יקר־המציאות, און וואו זומער איז שווער די היץ אַרויסצוטרייבן פון די „סלאַם“־הייזער און ווינטער די קעלט, און איןביידע — די וואַנצן פון די איינגעגעסענע ווענט!

כאָטש אַ שעה אין וואָך שלוהדיק אויסרוען, גייסטיק געניסן — — —

און אַזוי זיינען ענטשטאַנען די „יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס“: „דאָס גאָלדענע ציגעלע“ אַוועקשטעלן כאָטש אונטער יענקעלעס וויגעלע! „די גאָלדענע פּאַווע“ לאָזן אויפפליען איבער די ווייטע ימען — — —

און ווי דאַנקבאַר זיינען די מענטשן געווען פאַר אַ פּסוק שלום־עליכם! אַ גאַנצע וואָך האָט ער אַראָפּגעשמייכלט פון זייערע פּנימער — פון דער דער־ציילונג פון וויסנבערגן „די ציג“, פון די יידענע וואָס איז אַריינגעפאַלן אינם ברונעם אַריין, האָט מען זיך דערציילט מעשיות אַ גאַנצן ווינטער דאָ אין די געסלעך! גאַנץ „טוביה דער מילכיקער“ האָט א. מייזל פאָרגעלייענט דעם ערשטן זומער! !

און אין דער מלחמה־צייט, אין די שווערע יאָרן פון „בליצן“, פון „ראָקעטס“ און „ראָבאָטס“, און אין די נאָך שווערע טעג פון די שרעקלעכע נייעסן פון אונדזערע היימען, פון די חרובע און אויסגעקוילעטע שטעט און שטעטלעך אינדערהיים, זיינען די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס געוואָרן די שלאַכט־פעלדער אונדזערע מיטן שונא, די בתי־תפילות פאַר אונדזערע שוועסטער און ברידער — — —

ווען דרויסן זיינען געפאַלן די באָמבעס, די ראָקעטס, די ראָבאָטס און שרעק און גרויל האָט אַרומגענומען די געסלעך זיינען מיר געזעסן אַן עדה פון צענדליקער מנינים מענער און פרויען שטיל צוהערנדיק צו אַ יידיש פאָלקס ליד, צו אַ דערציילונג פון אונדזערע קלאַסיקער, צי אַ ליד פון אנדזערע דיכ־טער, צו אונדזערס אַן אייגענע זאַך פון אונדזערע שרייבער דאָ אין לאָנדאָן. אויב ליטעראַטור קאָן טאָן פאָלקס־דינסט, האָט עס אונדזער יידישע ליטע־ראַטור באַוויזן דאָ אין די ווייטשעפּלער געסלעך אין יענע שווערע חדשים „לדוד ד׳ אורי וישעי ממי אפחד“ — — — “

און מיט די שרעק פון די געטאָ־געסלעך און פון די געטריבענע יידן אין די גאַז־אויוועַנס, מיט די ווידוי־געשרייען, מיט די קללות און די חרמות אויף די רוצחים און מיט די לעצטע „שמע ישראלם“ זיינען פול געווען אונדזערע



שבת־נאָכמיטאָגס: נישט מער צוהערער און פאָרלייענער, רעדנער און עולם — — — די הייליקע בלעטלעך פון אונדזער ליטעראַטור ליגען זיך און די ליפּן פון אונדזערע געקוילעטע באַוועגן זיך! מ׳רעדט איבער אונדזערע אידישע שאַפונגען און זיי זיינען—אומשטערבלעך! אין דער אַטמאָספערע האָב איך מיין בוך „יידיש“ געשריבן און אַלע מיינע לאָנדאָנער לידער ביכער און די „העפטלעך“, וואָס מיר האַלטן שוין איצט ביים נומער 65. דאָ איז משה עובד געגאַנגען „אין חדר אריין“ — ער דערגייט דאָ דעם וואונדערלעכן וועג פון „אַמאַטאָר“ צום דיכטער! דאָ האָבן 99 פּראָצענט פון לאָנדאָנער יידישע שרייבער און דיכטער געפונען אַן אויער פאַר זייערע שאַפונגען, וואַרעמקייט און אויך התחזקות און דערמוטיקונג. און עס וואַקסן דאָ אונדזערע „יונגע“: ביעטש מיט זיינע יוגנטלעכע דערציילונגען און פאַלושאַק מיט זיינע לייט־אַרטיקלדיקע עסייען.

די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס זיינען שוין געווען „אַן אינסטי־טוציע“ אין ערשטן יאָר פון זייער ענטשטיין! און זיינען שוין ענטשטאַנען אַ האַלבער־טוץ „קאָנקורענץ“־קרייזלעך, גייען אונטער און ס׳קומען אויף פרישע ווי די שוואָמען אַרום די וואָרצלען פון אַ פעסט פאַרוואָרצלטען בוים.

איז די ווייטערע אויפנאַבע אונדזערע אין שלום־צייט זיך ניט נאַריש צו מאַכן מיט „פּאַרלאַמענטאַרישע קאָמיטעט זיצונגען“ און מיט אָנגעשוואָלענע פעראיינס פּראָטאָקאָל־ביכער און „פרענדלי סאָסייטי אָרגאַניזיישן“ — דאָס איז פיין און וואויל פאַר פּאַרטייען, פאַר פעראיינען וואָס זייער גאַנצע עקזיס־טענץ און אַרבעט איז אָרגאַניזאַציע! ביי אונדז מוז זיין יעדער מינדסטער ריר, יעדער געדאַנק ממשותדיקע אַרבעט; יעדער איינער פון אונדז, צו וואָס ער טויג, זאָל ער אָנשטרענגען אַלע זיינע כוחות צו דינען די גייסטיקע אינטערעסן פון פאָלק. מיר זיינען נישט קיין פעראיין — ס׳גאַנצע פאָלק איז אונדזער פעראייניגונג! מיר „שאַפן“ נישט קיין מיטגלידער — יעדער ייד איז אַ גליד פון אונדזערע גלידער! עס איז קיין אבר המדולדל נישטאָ ביי אונדז... אונדזער אָרגאַניזאַציע איז „בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך“!! זיך און אַנדערע צו דערלייזן פון קליינלעכע און קראַנקהאַפטע פּניות, דאָס איז דאָך דער צוועק און אויך דער מקור פון גייסטיקע קולטור־טעטיקייט. מיר ווילן נישט אין היסטעריש־היסטאָרישע „מיניטס“־ביכער זיך באַווייזן מיט אונזער אַרבעט — מיר, ווילן, אַז די שכינה זאָל זיך באַווייזן צווישן אונז, אַז אונזערע ווייטערדיקע יידישע שאַפונגען זאָלן זיין די אָנקלאָגנדיקע פּראָטאָקאָלן איבער דעם חרוב געוואָרענעם יידיש־שאַפנדיקן יידנטום,—אונזער תפילה־בצבורדיקער יאָמער־געקלאָג נאָך 5.000.000 אויסגעקוילעטע שוועסטער און ברידער — — —

## א בריוו צום פערפאסער פון „וויקטארי־רעווי דער וואלונטיר“ 4

פריינט א. מייזל!

איר האָט זיך מסתם דערמאָנט אין מיין אַרטיקל, אַז יידיש־טעאַטער אין ווייטשעפּל, אַז דאָס זיסע צוקער־סמאַטקעלע, וואָס די אָרעמע יידישע מאַמע שטעקט דעם קינד אין מויל אַריין, אַז ס׳זאָל דערוויל זיך נישט פאַרקייכן ביז זי וועט צוריקקומען פונם מאַרק מיט אירע „ראָזינקעס און

מאנדלען", האָט איר מיר אויך, אזא זיס צוקער־סמאַטקעלע, אריינגעשטעקט אין מויל אריין, אפנים — כ'מיין אייער גראַם פונם „שטענצל־רעפעראַט" אין אייער רעווי־ליד! דאַנק איך אייך פאַר מיין פערזענלעכע הנאה (מ'האָט אַן הנאה פון אַזעלכע זאַכן... פאַרוואָס לייקענען!) און אויך אינם נאָמען פון די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס, פון וועלכע איך בין דער פאָרזיצער: אַ יידיש קאַפּלעטל פיין אויסגעזונגען פון אונדזער טאַלאַנטירטן קאָמיקער צעלניקער. נאַכט נאָך נאַכט אין אַ ווייטשעפּלער יידיש־טעאַטער ברענגט אַלנפּאַלס אַזויפיל „פּאָפּולאַריטעט" ווי אַ נאָטיץ אין אַ יידישע צייטונג אין ווייטשעפּל...

הייסט עס דאָך, אַז די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס זיינען שוין טאַקע אַזוי פּאָפּולער, אַז מ'מוז זיי שוין אריינגעמען אין אַ קופּלעטל! — און זייענדיק אַזאַ זיס־צוקער סמאַטקעלע — וועל איך דאָס בריוול צו אייך שוין אַביסל לענגער אויסציען.

אייערע איצטיקע „וויקטאָרי־רעווי" האָט אין זיך די טראַדיציע פון אייערע אייגענע פריערדיקע צוויי רעווי־אינסצענירונגען און אַלץ וואָס האָט אין זיך טראַדיציע איז ממילא פאָלקסמענער. די האָפערדיקע איבערטריבנקייט פון אייערע „פּאַלעסטינער רייזעס", פון איין זייט, און פון אייער ענגלישע „געלע־לאַטע"־פּאַטריאָטישקייט, פון דער צווייטער זייט, האָט באַקומען אין אייער איצטיקע „וויקטאָרי רעווי" אַביסל באַלאַנסירנדיקע גלייכגעוויכט: מסתם ווייל זיי, די צוויי פּאַטריאָטישקייטן, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען פנים אל פנים, ווי צוויי „קוני לעמלס", כביכול, און זיי שפּילן זיך נישקשהדיק אויס. אַלנפּאַלס האָט דער עולם גרויס הנאה און דאָס איז דאָך דער צוועק פון אַ רעווי, וואָס וויל נעקרוינט ווערן מיט באַרעכטיקטן ערפאָלג.

אייערע פריערדיקע ציוניסטישע און פּאַטריאָטישע טענדענצן האָבן שוין בשעתו געזוכט אַ יידישלעכן תיקון אינם שלום עליכמדיקן (וואָס איר האָט עס אַלנפּאַלס, און אייער פרוי ווי אַ שוישפּילערין אוודאי און אוודאי!) און אינם שלל פון יידישע פאָלקס לידער און טענץ, אָבער גלייכגעוויכט, נישט איבערגעטריבנקייט, ריכטיקע מאָס מאַכט ערשט, אַז דאָס עפּיגאַניש־איבער־גענומענע אין דער האַנדלונג און אינם שטיק אריינגעאַרבעטע, זאָל נישט האָבן דעם גאַנצן ריח־הנודף פון פּלאַגיאַט; און בעיקר, אַז דאָס טענדענציעזע זאָל נישט ווערן פּראָפּאַגאַנדע.

אָבער זעט איר, פריינט מייזל, „מה בין בני לבן חמי", אַז די „הבימה" האָט אויפגעפירט אין תל־אביב דאָס „טענדענציעזע" שטיק פון דוד בערגעל־סאָן, איז אַ באַקאַנטער העבראַיִשער שרייבער אויפגעשפּרונגען פון זיין פּלאַץ מיט אַ ווילדער מהומה — ער האָט דערזעהן אויף דער בינע דאָס סוואַסטיקע־טוך און זיין „עסטעטישער" טעמפּעראַמענט האָט געפּלאַצט, ער האָט נעבעכ־דיק אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז הן די „הבימה" האָט גוטע רעזשיסאָרן און הן אַז דוד בערגעלסאָן איז אַ גרויסער יידישער שרייבער... איך אָבער, בין נישט אויפגעשפּרונגען, ווען כ'האָב געהערט דאָס „גניבה"־ליד, אין אייער פּרעכטי־



קער תל־אביב־סצענע, כ'האָב נישט געוואָלט מאַכן קיין „עסטעטיש" גערודער אין אַ ווייטשעפּלער יידיש טעאַטער און אויך ווייל כ'האָב חס געוועזן אויף אייער מי און כבוד—אָבער, אַז דאָס „גניבה"־ליד (ווי גוט שלמה קאָן זאָל עס נישט זינגען!) זאָל דאָס זיין דער „כאל מלא רחמים" אין אַ פּאַלעסטינע־פּראָפּאַגאַנדע־און וויצן־רעווי — טויג פּאַלעסטינע נישט! . . .

אפנים, אָבער, אַז תל־אביב, די יידישע שטאָט, און די יידישלעכע ווי זי קומט ביי אייך אויף דער סצענע אַזוי גוט אַרויס, טויג מסתם יאָ, וואָרים מ'פירט דאָך אויף—און צום וויפילטן מאָל און מיט גרויס ערפאָלג! — דאָס בערגעלסאָן שטיק: „איך וועל לעבן" און דאָ, אין גלות־ווייטשעפּל, האָט עס דאָך נישט דערלעבט באַלד אויף די טעאַטער־ברעטלעך אַרויפצוקומען, מ'האָט עס דאָך באַלד מיט עסטעטישן־לכתחילה נישט אַרויפגעלאָזט, מאָטיווירנדיק: ס'איז טענדענץ!... איך קען דוד בערגעלסאָנס איצטיקע דראַמע נישט. נאָר אָנגענומען בערגעלסאָן האָט דאָרטן זיינע טענדענצן — הייסט עס, אַז אינם האָראָפּאַשנעם יידישן ווייטשעפּל מעג מען נאָר מאַכן פּאַלעסטינע־פּראָפּאַ־גאַנדע, אָבער אַ „טענדענציעזע" קונסט־ווערק פון איינעם פון אונדזערע באַרימטע שרייבער (אַז מ'דערלעבט שוין אַז אַזאַ שטיק זאָל אָנקומען דאַ־אַהער!) איז טריפה און אסור־בהנאה?

און אויב ס'איז נישט געווען אינגאַנצן דער שרייבערישער כבוד אייערער, נאָר דאָס זיסע צוקער־סמאַטקעלע, טאַקע, וואָס איר האָט מיר אריינגעשטעקט אין מויל אריין — נאָטשענדיק עס, האָט עס מיין „עסטעטישן טעמפּעראַ־מענט" געשטילט, נישט אַרויסצושפּרינגען מיט אַ ווילדן טומל — נישט צו שטערן אַ פּרעמיערע אין אַ ווייטשעפּלער יידיש־טעאַטער — בין איך אייך ערשט ריכטיק דאַנקבאַר. ווייל כעס, ווי איר ווייסט, איז דאָך עבודה־זרה, רחמנא־לצלן, און שאַדט צו רוח־הקודש, חס ושלום! וואָרים, אין אונדזערע צער־טעג, אויב ציוניסטן, אפילו, זאָלן זיך דערלויבן אַזאַ וויציקע רעווי איז עס דאָך מסתם נאָר ווייל אין שכינה שורה אלא מתוך שמחה . . . זאָל איך זי פאַרטרייבן? חס־ושלום!

א.נ.ש.

פראַנץ קאַפקאַ

## אַ באַריכט פאַר אַן אַקאַדעמיע

חשובע הערן פון דער אַקאַדעמיע!

איר טיילט מיר צו אַ כבוד, אויפפאָדערנדיק מיך אָפּצולייגן אַ באַריכט פאַר דער אַקאַדעמיע איבער מיין פריערדיקן מאַלפּישן לעבן.

אין אָט דעם זינען קען איך ליידער נישט נאָכקומען אייער אויפ־פאָדערונג. כמעט שוין פינף יאָר שיידן מיך אָפּ פונם מאַלפּעטום, אַ צייט, אויב מען זאָל זי מעסטן מיטן קאַלענדאַר איז אפשר קורץ, אָבער אומענדלעך לאַנג אַדורכצוגאַלאָפּירן, ווי איך האָב עס געטון, באַגלייט אויף געוויסע שטרעקעס פון אויסגעצייכנטע מענטשן, עצות, בייפאַל און אָרקעסטראַל־מוזיק, נאָר אינדערעמתן איינער אַליין, מחמת אַלע באַגלייטער האָבן זיך געהאַלטן ווייט פון דער באַריערע, כדי צו בלייבן אויפן בילד. אייגנטלעך

וואָלט אָט די דערגרייכונג געווען אוממעגלעך, אויב איך וואָלט עקשנותדיק פעסטגעהאַלטן אין מיין אורשפּרונג און אין די זכרונות פון מיין יוגנט. דאָס העכסטע געבאָט, וואָס איך האָב אַרויפגעלייגט אויף מיר, איז גראָד געווען צו פאַרלייקענען יעדן אייגענעם פאַרלאַנג; איך, די פרייע מאַלפּע, האָב מיך צו אונטערגעוואָרפן אָט דעם דאָזיגן יאָך. צוליב דעם טאַקע האָבן די זכרונות פון זייער זייט זיך פאַרשלאָסן אַלץ מער און מער פאַר מיר. וואָלטן די מענטשן עס געוואָלט, וואָלט דער וועג צוריק צוערשט געשטאַנען פאַר מיר אָפן דורכן גאַנצן טויער, וואָס דער הימל שאַפט איבער דער ערד, גלייכצייטיק וואָלט עס אָבער געוואָרן מיט מיין אַנטוויקלונג פאָרויס דורך שמיץ כסדר נידעריקער און שמעלער. יאָ, איך האָב מיך געפילט בעסער און איינגעשלאָסענער אין דער וועלט פון מענטשן דער שטורם, וואָס האָט מיר נאָכגעבלאָזן פון מיין פאַרגאַנגענהייט, האָט מיך באַרואיקט; היינט איז עס נאָר אַ ווינטל, וואָס קילט מיר די טריט פון מיינע פיס; און דאָס לאָך אינדערווייטנס, דורך וועלכן עס קומט, און דורך וועלכן איך בין אַמאָל געקומען, איז געוואָרן אַזוי קליין, אַז איך, אויב עס וואָלט מיר איבערהויפּט געסטייעט כח און ווילן צוריקצוקערן דאָרטן אַהין, וואָלט מיר געדאַרפט לאָזן אָפּשינדן די פעל פונם לייב, כדי אַדורכצוזגיין. אָפן גערעדט, ווי גערן איך זאָל נישט ליבער אויסקלייבן משלים פאַר אָט די זאַכן, אָפן גערעדט: אייער מאַלפּישקייט, מיינע הערן, אויב איר האָט אַזעלכעם הינטער אייך, קען נישט זיין ווייטער פון אייך ווי די מייניקע פון מיר. אין די פּיאַטעס אָבער קיצלט עס יעדן איינעם, וואָס גייט דאָ אַרום אויף דער ערד: דעם קליינעם שימפּאַנז ווי דעם גרויסן אַכילעס.

אין דעם איינגעשרענקסטן זין וועל איך אפשר דאָך קענען פאַרענטפערן אייער פראַגע, און איך נעם עס אפילו אונטער מיט גרויסער פרייד. די ערשטע זאַך, וואָס איך האָב מיך אויסגעלערנט, איז געווען: אָפּצושטעקן שלום-עליכם; אַ האַנט-דרוק זאָגט עדות אויף אָפנהערציקייט. שטייענדיק אויפן העכסטן פונקט פון מיין קאַריערע איז עס מיין וואונש, אַז צו יענעם ערשטן האַנט דרוק זאָל היינט אויך צוקומען דאָס אָפנהאַרציקע וואָרט. ניין, אין דער עצם זאַך וועט עס פאַר דער אַקאַדעמיע נישט ברענגען קיין שום נייעס און אָן ספק נאָך זיין פאַרעלטערט, וואָס מען האָט פון מיר פאַרלאַנגט און וואָס כ'קען ביים בעסטן ווילן נישט זאָגן — יעדנפאַלס, זאָל עס אָנדייטן די ריכטליניע, אויף וועלכער אַ מאַלפּע איז אַריינגעדרונגען אין דער מענטשלעכער וועלט און זיך דאָרט איינגעבירגערט. און וואָלט איך נישט געווען אַבסאָלוט זיכער מיט מיר אַליין און מיט מיין פּאָזיציע אויף אַלע גרויסע וואַריעטע-בינעס פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, וואָלט איך מיך בכלל נישט אונטערגעשטעלט צו דערציילן אָט די פאָלגנדיקע קלייניקייטן:

איך שטאַם פונם גאָלד-ברעג (אין אַפריקע). וואָס שייך דעם, וויאַזוי מען האָט מיך געפאַנגען גענומען, קומט מיר אויס זיך צו באַנוצן מיט פרעמדע באַריכטן. אַ יאַגד-עקספּעדיציע פון דער פירמע האַגנבעק — מיט דעם פירער



האָב איך שוין איבריקנס אויסגעלעערט אייניקע גוטע פלאַשן רויטן ווייַן — איז געלעגן צווישן די קוסטן ביים ברעג ים, בשעת איך בין געקומען צו לויפן אינמיטן דער סטאַדע צו טרינקען. עמיצער האָט אויסגעשאָסן; איך בין געווען דער איינציקער, וועמען ס'האָט געטראָפן; איך האָב געקריגן צוויי קוילן.

איינע אין דער באַק; די דאָזיקע וואונד איז געווען לייכט; האָט מיר אָבער איבערגעלאָזט אַ גרויסן אויסגעראַזירטן רויטן העפט, דורך וועלכן איך האָב באַקומען דעם עקלהאַפטן און בכלל אומפּאַסיקן נאָמען רויטער פּעטער, וואָס אַ מאַלפּע האָט אים דערפונדן, פּונקט ווי נאָר דער רויטער פלעק אויף דער באַק וואָלט געווען דער איינציקער אונטערשייד צווישן מיר און דער נישט לאַנג צוריק געפּגרטער, דרעסירטער מאַלפּע, וואָס איז געווען אומעטום באַקאַנט און געהייסן פּעטער. נאָר דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, אַגב אורחא.

דער צווייטער שאָס האָט מיך געטראָפן אונטער דער היפט. דאָ איז די וואונד שוין געווען אַ שווערע און אויך די סבה פון מיין הינקען ביזן היינטיקן טאָג. איך האָב לעצטנס געלייענט אַן עסיי פון איינעם פון די צען טויזנט דריי-קעפּ, וואָס צעלאָזן זיך איבער מיר אין די צייטונגען, אַז מיין מאַלפּישע נאַטור איז נאָך אַלץ נישט גאַנץ אונטערגעדריקט; והא ראיה, איך האָב אַ נייגונג אויסצוטון די הויזן, ווען באַזוכער קומען צו מיר, און צו ווייזן דאָס אָרט, וואו יענער שאָס איז אַריינגעדרונגען. זאָל אים, יענעם פאַרשוין, אָפּגעהאַקט ווערן יעדער פינגער פון זיין שרייבערישער האַנט! איך, איך מעג אויסטון די הויזן פאַר וועמען עס געפעלט מיר; מ'וועט דאָרט גאָרנישט געפינען אַ חוץ אַ גוט געפלעגטן פעלץ און דעם העפט נאָך אַ — לאָמיר דאָ אויסקלייבן פאַר אַ באַשטימטן צוועק דאָס געהעריקע וואָרט, וואָס קיינער וועט נישט זוכן בכיוון צו מיספאַרשטיין — דעם העפט נאָך אַ שענדלעכן שאָס. אַלץ ליגט היינט אָפן; קיין שום זאַך קען מען נישט פאַרבאָרגן; אַז עס גייט אינם אמת, וואַרפט יעדער עסטעטיקער אַוועק די פיינסטע מאַנירן. אויב יענער שרייבער וואָלט זיך אויסגעטון די הויזן, ווען מ'קומט צו אים אויף באַזוך, וואָלט עס שוין געהאַט אַ גאַנץ אַנדערע באַדייטונג, און איך וויל ס'זאָל געלטן ווי אַ סימן פון שכל, אַז ער טוט דאָס נישט. נאָר ווי ווער איך דאָס פּטור פון אים צוזאַמען מיט זיין צאַרט געפיל?!

נאָך יענע שאָסן האָב איך מיך אויפגעכאַפּט — און דאָ הייבן זיך שוין צוביסלעך אָן מיינע אייגענע זכרונות — אין אַ שטייג אויפן צווישנדעק פונם האַגנבעקישן דאַמפער. ניין, עס איז נישט געווען קיין נעצאַרטיקע, פיר-ווענטיקע שטייג; להיפך, דריי ווענט זיינען געווען צוגעפעסטיקט צו עפּעס אַ קאַסטן; דער קאַסטן אַליין האָט אַזוי זשע געשאַפן מיט זיך די פערטע וואַנט. אָט דאָס גאַנצע איז געווען צו נידריק, אַז מ'זאָל קענען אינעווייניק שטיין און צו שמאָל — זיך אַנידערצוזעצן. איך בין דעריבער געזעסן איינגעקאָרטשעט מיט איינגעבויגענע, כסדר ציטערנדיקע קניען אויסגעדרייט צום קאַסטן, ווייל כ'האָב מן הסתם נישט געוואָלט קיינעמען זען און געוואָלט

זיין די גאַנצע צייט אין דער טונקל, בעת די שטאַכן פון דער נעץ האָבן זיך מיר טיף איינגעשניטן הינטן אינם פלייש. אַמאָל האָט מען עס געהאַלטן פאַר אַ מעלה צו באַוואָרן ווילדע חיות אויף אַט אַזאַ אופן, און נאָך מיין אייגענער דערפאַרונג קען איך עס היינט נישט אָפּלייקענען, אַז אינם מענטשלעכן זין איז דאָס טאַקע דער פאַל.

דאָס איז מיר אָבער דעמאָלט נישט געקומען אויפן געדאַנק. צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן בין איך געווען אָן אַן אויסוועג; ווייניקסטנס פאַרויס איז עס נישט געגאַנגען; פאַר מיר איז געווען דער קאַסטן, איין ברעט פעסט צוגעקלאַפּט לעבן דעם אַנדערן. דעם אמת געזאָגט איז טאַקע געווען אַ שפּאַלט צווישן די ברעטער און ווען איך האָב אים אַנטדעקט, האָט מיין אומפאַרשטאַנד אים באַגריסט מיט אַ גליקלעך וואויען. אַט דער שפּאַלט אָבער איז געווען אַזוי שמאָל, אַז איך האָב אַפילו דעם שוואַנץ נישט געקענט אַדורכשטופּן און מיט מיין גאַנצן מאַלפּישן כח אויך נישט געווען אימשטאַנד אים ברייטער צו מאַכן.

ווי מען גיט מיר איבער, האָב איך נישט אָנגעמאַכט קיין סך ליאַרעם, פון וועלכן מ'האָט געמאַכט דעם פועל יוצא, אַז איך וועל באַלד אויסגיין, טאָמער אָבער וועט עס מיר געלינגען איבערצולעבן די ערשטע קריטישע צייט, וועל איך זיין זייער פעאיק דרעסירט צו ווערן. איך האָב איבערגעלעבט די דאָזיקע צייט. און וואָס שייך מיינע ערשטע באַשעפטיקונגען אינם נייעם לעבן קען איך אָנגעבן די פאָלגנדיקע: טעמפּ שלוכצן, אַ שמערצלעך יאָגן זיך נאָך פליי, אַ מיד לעקן קאָקאָס־נים, קלאַפּן קאָפּ אין וואַנט, בלעקן מיט דער צונג, ווען עמיצער האָט זיך דערנענטערט צו מיר. און דאָך האָב איך אין דעם אַלעם געהאַט דאָס געפיל, אַז ס'איז נישטאָ קיין אויסוועג.

נישט האָבנדיק קיין אויסוועג, האָב איך מיר אָבער אַזעלכן געמוזט פאַרשאַפן, ווייל אָן אים האָב איך נישט געקענט לעבן. כסדר אויף דער קאַסטנוואַנט — איך וואָלט דאָרט אויסגעצויגן די קאַפּיטעס און מיר נישט געקענט העלפן. ביי האַגנבעקן אָבער געהערן מאַלפּעס אויף דער וואַנט פון קאַסטן — נו, האָב איך אויפגעהערט צו זיין אַ מאַלפּע. יאָ, אַ שיינער, קלאָרער געדאַנקענגאַנג, מן הסתם אים אויסגעבריט מיטן בויך, מחמת מאַלפּעס טראַכטן מיטן בויך. איך האָב מורא, אַז מען פאַרשטייט נישט גענוי, וואָס איך פאַרשטיי מיטן אויסדרוק אויסוועג. אַט דאָס וואָרט באַנוץ איך אין דעם געווענלעכסטן און פולסטן זין. פרייהייט זאָג איך בכיוון נישט. איך מיין טאַקע נישט דאָס דאָזיקע גרויסע געפיל פון פרייהייט אויף אַלע זייטן. אַלס מאַלפּע איז עס מיר אפשר געווען באַקאַנט, און איך קען אַפילו מענטשן וואָס בענקען דערנאָך. וואָס שייך אָבער מיר, איז נישט דעמאָלט האָב איך פאַרלאַנגט פרייהייט נישט היינט. אגב: צווישן מענטשן באַטריגט מען זיך שוין צו אָפט מיט פרייהייט. און פונקט ווי פרייהייט געהערט צו די דערהויבנסטע געפילן, אַזוי געהערט אויך די אַנטשפּרעכנדיקע אַנטוישונג צו די דערהויבנסטע. ווי אָפט פלעג איך זען קינסטלער־פּאַרלעך באַשעפטיקט מיט טראַפּעזן אויפן



באַלקן אין די וואַריעטעס פאַר מיין אויפטרעטן. זיי האָבן זיך געוויגט, געשאָקלט, געשפּרונגען, געשוועבט איינס דעם אַנדערן אין די אָרעמס אַריין, איינס האָט דאָס אַנדערע געטראָגן ביי די האָר מיט די ציין. יאָ, אויך דאָס איז מענטשלעכע פרייהייט, האָב איך מיר געטראַכט, זעלבסט־באַהערשונגס באַוועגונג. דו חילול פון הייליקער נאַטור! וואָלטן מאַלפּעס דאָס געזען, וואָלט קיין שום געביידע נישט געקענט בלייבן שטיין קעגן זייער געלעכטער.

ניין, קיין פרייהייט האָב איך נישט געוואָלט. נאָר אַן אויסוועג; צי רעכטס, צי לינקס, וואו ס'זאָל נישט זיין, און נישט געשטעלט קיין אַנדערע פאָדערונגען; אַפילו ווען דער אויסוועג זאָל מיך אַנטוישן. די פאָדערונג איז קליין, די אַנטוישונג וועט דעריבער נישט זיין גרעסער. נאָר ווייטער צו קומען, ווייטער! אַבי נישט צו מוזן בלייבן שטיין שטיל מיט אויפגעהויבענע אָרעמס, צוגעדריקט צו דער וואַנט פון אַ קאַסטן.

היינט זע איך עס גאַנץ קלאָר, אַז אָן דער גרעסטער אינערלעכער רו, וואָלט איך בשום אופן קיינמאָל נישט געקענט אַנטרינען. און פאַקטיש האָב איך אפשר צו פאַרדאַנקען דער רו, וועלכע האָט מיך גובר געווען נאָך די ערשטע טעג דאָרט אויף דער שיף, פאַר אַלעם, וואָס כ'בין געוואָרן. די רו אַליין פאַרדאַנק איך די שיפסלייט.

טראָץ אַלעם זיינען עס געווען גוטע מענטשן. נאָך היינט דערמאָן איך מיך גערן אינם קלאַנג פון זייערע שווערע טריט, וואָס האָט דעמאָלט אָפּגעהילכט אין מיין פאַרשטעלטן שלאָף. געווען ביי זיי אַ געוואוינהייט, אַלץ אָנצוהויבן העכסט לאַנגזאַם. אויב איינער האָט זיך געוואָלט רייבן די אויגן, האָט ער אויפגעהויבן די האַנט ווי אַ הענגענדיק געוויכט. די וויצן זייערע זיינען געווען גראָב, אָבער האַרציק. זייענדיק פריי פון דינסט, פלעגן אייניקע זיך אַנידערזעצן אַרום מיר אין אַ האַלבן קרייז און כמעט גאָרנישט רעדן, נאָר וואָרקען ווי די טויבן איינער צום אַנדערן; זיך אויסגעשטרעקט אויף קאַסטנס און גערויכערט פּייקעס; זיך געפּאַטשט אויף די קני, ווי נאָר איך האָב געמאַכט די קלענסטע באַוועגונג. אַמאָל פלעגט איינער דאָ אָדער דאָרטן נעמען אַ שטעקן און מיך קיצלען וואו ס'איז געווען אָנגענעם. אויב מ'וואָלט מיך היינט איינגעלאַדן מיטצומאַכן אַ נסיעה אויף דער דאָזיקער שיף, וואָלט איך אַזאַ איינלאַדונג זיכער נישט אָנגענומען, עס איז אָבער צוגלייך זיכער, אַז איך האָב נישט נאָר שלעכטע זכרונות בנוגע יענע לייט אויפן צווישנדעק.

די רו, וואָס איך האָב מיר דערוואָרבן אין דער סביבה פון יענע מענטשן, האָט מיך איבערהויפּט אָפּגעהאַלטן פון יעדער נייגונג צו שעלטן. גאַנץ מנוחהדיק פלעג איך מיך צוקוקן צו זיי. געזען תמיד די זעלביקע פּנימער, אַרויפגיין און אַראָפּגיין, מיט די זעלביקע באַוועגונגען, אַז ס'האָט אָפט אויסגעזען ווי עס וואָלט געווען נאָר איין מענטש. אַט דער מענטש אָדער די מענטשן זיינען זיך אַרומגעגאַנגען גאַנץ רואיק. אַ הויך ציל האָט אויפגעוואַכט אין מיר. ניין, קיינער האָט מיר נישט צוגעזאָגט, אַז ווען איך וועל זיין ווי זיי, וועט די שטייג זיך עפענען פאַר מיר. אַזעלכע הבטחות, וואָס זיינען

באשיינפערלעך אוממעגלעך צו האלטן, גיט מען איינענטלעך נישט. אויב אָבער מען האָט שוין די דערפילונגען, דערשיינען דערנאָך אפילו די הבטחות פונקט דאָרט, וואו מען האָט זיי פריער אומזיסט געזוכט. אין די דאָזיקע מענטשן אָן און פאר זיך איז גאָרנישט געווען, וואָס זאָל מיך האָבן זער געלאקט. און וואָלט איך געווען אן אָנהענגער פון יענער דערמאָנטער פרייהייט, וואָלט איך ליבער אויסגעקליבן דעם וועלט־ים ווי דעם אויסוועג, וואָס האָט זיך מיר אָפגעשפיגלט אינם טריבן בליק פון די דאָזיקע לייט. אייגנטלעך האָב איך זיי אָבסערווירט במשך פון א לאנגער צייט, איידער איך האָב נאָך געטראכט פון אזעלכע זאכן, יאָ די אָנגעזאָמלטע באאָבאכטונגען האָבן מיך ערשט געדרענגט אין א באשטימטער ריכטונג. עס איז געווען אזוי לייכט נאָכצואמען אָט די מענער. שוין אין די ערשטע טעג האָב איך געקאָנט שפייען. מיר האָבן זיך געשפיגן איינס דאָס אנדערע אין פנים אריין. געווען איז נאָר איין אונטערשייד: איך פלעג דערנאָך מיין פנים ריין אפלעקן, זיי נישט. באלד האָב איך גערויכערט א פייקע ווי א דערפארענער; און טאָמער האָב איך נאָך אריינגעדריקט דעם גראָבן פינגער אין דער פייקע אריין, פלעגט דער גאנצער צווישנדעק האָבן דערפון גרויס הנאה; נאָר א לאנגע צייט האָב איך נישט פארשטאנען דעם אונטערשייד צווישן א ליידיקער פייקע און א פול אָנגעשטאָפטער.

דאָס פלעשל שנאַפס האָט מיר פארשאפט די גרעסטע מי און מאטערניש. דער ריח האָט מיך פשוט פארפייניקט; מיט אלע כחות האָב איך מיך געצוואונגען; עס זיינען אָבער פארגאנגען אייניקע וואָכן, איידער איך האָב מיך גובר געווען. מערקווירדיק, די מענטשן האָבן פיל ערנסטער גענומען מיינע אינערלעכע קאמפן ווי יעדע אנדערע זאך אין שייכות מיט מיר. אפילו אין זכרון קען איך נישט אונטערשיידן די לייט, עס איז אָבער געווען איינער, וואָס פלעגט תמיד ווידער קומען, איינער אליין אָדער מיט חברים, בייטאָג און ביינאכט, אין די פארשיידנסטע שעהן; אנידערגעשטעלט זיך פאר מיר מיטן פלעשל אין דער האנט און מיך געלערנט. ניין, ער האָט מיך נישט פארשטאנען, ער האָט געוואָלט דערגיין דעם סוד פון מיין עקזיסטענץ. לאנגזאם האָט ער ארויסגעצווינגן דעם קאָרק פון פלעשל, בשעת מעשה געקוקט אויף מיר, כדי אויסצוגעפינען, צי איך האָב אים פארשטאנען. יאָ, כ׳בין זיך מודה ומתוודה, מיט א כסדר ווילדערער, איבערגעאיילטערער אויפמערקזאמקייט פלעג איך מיך צוקוקן צו אים. אזא מענטשן־תלמיד האָט נאָך קיין מענטשן־לערער אויפן גאנצן ערד־קיילעך נישט געפונען. נאָכן ארויסציען דעם קאָרק, האָט ער אויפגעהויבן די פלאש צום מויל; איך מיט מיינע בליקן אויף אים ביזן גאָרגל; צופרידן מיט מיר, שאָקלט ער מיטן קאָפ, און נעמט די פלאש צו די ליפן. איך, אנטציקט פונם בהדרגהדיקן דערגיין זיין געדאנק, קראץ מיך אין דער לענג און אין דער ברייט, וואו עס טרעפט זיך און קוויטשע בשעת מעשה. ער פריידט זיך און טרינקט. איך, אומגעדולדיק און פארצווייפלט, אים נאָכצוטון, פאראומרייניק מיך אין דער שטייג, און עס



פארשאפט אים נאָך מער הנאה; און איצט אויסשטרעקנדיק די פלאש ווייט פון זיך און ארויפברענגענדיק זי מיט שוואונג ווידער, טרינקט ער זי אויס לעער אין אן איבערגעטריבענער מלמדישער פאָזע. איך, פארמאטערט פון א שוין צו גרויסן פארלאנג, קען מער נישט מיטמאכן און הענג שוואך אויף די דראָטן, בעת ער פארענדיקט דערמיט דעם טעאָרעטישן אונטערריכט, גלעט זיך דעם בויך און שמייכלט.

איצט ערשט הויבט זיך אָן די פראקטישע איבונג. בין איך דען נישט גאנץ דערשעפט פונם טעאָרעטישן טייל? יאָ, גאנץ דערשעפט. דאָס אָבער געהערט שוין צו מיין גורל. איך געפין, אז עס געלינגט מיר א כאפ צו טון דאָס מיר אָנגעבאָטענע פלעשל; כ׳שלעפ ארויס דעם קאָרק מיט א ציטער; מחמת עס גיט זיך מיר איין, ווער איך ווי ניי באלעבט; כ׳הייב אויף די פלאש, כמעט נישט אונטערצושיידן פונם אָריגינאל; כ׳נעם זי צום מויל — און גיב א שליידער אוועק פון מיר מיט עקל, מיט עקל, הגם זי איז ליידיק און נאָר דער ריח פילט זי נאָך אָן, אוןווארף זי אראָפ אויף דער ערד. מיין לערער האָט דערפון עגמת־נפש, איך נאָך מער. עס קען מער קיין רייד נישט זיין זיך איבערצובעטן מיט אים, ווייל נאָכן אוועקווארפן דאָס פלעשל, האָב איך נישט פארגעסן צו גלעטן מיר דעם בויך אויף אן אויסגעצייכנטן אופן און דערביי צו שמייכלען.

דער אונטערריכט פלעגט שוין צו אָפט אָט אזוי אָפלויפן. איך זאָג עס מיין לערער צו לויב: ער איז נישט געווען בייז אויף מיר, הגם טיילמאָל האָט ער געהאלטן די ברענענדיקע פייקע ביי מיין פעל ביז עס האָט ערגעץ אָנגעהויבן צו סמאליען, וואו ס׳איז מיר געווען שווער צו דערגרייכן. אָבער ער אליין האָט עס דערנאָך אויסגעלאָשן מיט זיין ריזיקער, גוטער האנט. ניין, ער איז נישט געווען בייז אויף מיר, מחמת ער האָט איינגעזען, אז ביידע צוגלייך מוזן מיר קעמפן קעגן דער מאלפע־נאטור און אז איך האָב געהאט דעם שווערערן חלק.

אָבער וואָס פאר א נצחון פאר אים און פאר מיר איז דאָס געווען, ווען איך האָב א געוויסן אָוונט פאר א קרייז צושויער — מן־הסתם א פעסט, א גראמאפאָן האָט געשפילט, אן אָפיציר האָט זיך ארומגעשפאצירט צווישן עולם — ווען איך האָב דעם דאָזיקן אָוונט אומבאמערקט א כאפ געטון א פלעשל שנאפס, וואָס עמיץ האָט דורך א טעות געלאָזט שטיין פאר מיין שטייג, ארויסגעצויגן דעם קאָרק לויט אלע כללים פון מיין אונטערריכט און אונטער א כסדר שטייגנדיקער אויפמערקזאמקייט מצד דער געזעלשאפט גענומען צום מויל און נישט געווייגערט, אָן א קרומער מינע, ווי א טרינקער פון פאך, מיט רונדיק געטאקטע אויגן, א פולער קעל, ווירקלעך און ווארהאפטיק אויסגעטרונקען אינגאנצן. די פלאש האָב איך שוין נישט מער אוועקגעוואָרפן ווי א פארצווייפלטער, נאָר ווי א קינסטלער. יאָ, דעם בויך האָב איך מיר פארגעסן צו גלעטן. דערפאר אָבער, מחמת כ׳האָב אנדערש נישט געקענט, ווייל ס׳האָט מיך געקוועלט, די חושים זיינען מיר געווען ווי משוגע, הכלל איך האָב

אויסגעשריגן „האלאָ!“ ממש מיט אַ מענטשלעך קול. מיט אָט דעם דאָזיקן אויסרוף בין איך אַריינגעשפּרונגען אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט און איר עכאָ: „הערט נאָר, ער רעדט!“ האָב איך געפילט ווי אַ קוש אויף מיין שוויים־טריפנדיקן גוף.

איך זאָג עס נאָך אַמאָל: ס'האָט מיך נישט געלאַקט נאָכצואַמען די מענטשן; איך האָב נאָכגעאַמט, ווייל כ'האָב געזוכט אַן אויסוועג, נישט צוליב אַן אַנדערער סבה. פאַרשטייט זיך, אַז מיט יענעם נצחון האָב איך נאָך געהאַט ווייניק וואָס אויפגעטון. כ'האָב באַלד ווידער פאַרלוירן דאָס לשון און ס'האָט זיך ערשט איינגעשטעלט חדשים שפּעטער. אויך דער ווידערווילן צום שנאַפּס איז געקומען אין אַ פאַרשטאַרקטער פאָרם. מיין ריכטונג איז אָבער געגעבען געוואָרן איינמאָל פאַר אַלעמאָל.

ווען מ'האָט מיך איבערגעגעבן צום ערשטן טרענירער אין האַמבורג, האָב איך גלייך איינגעזען אַז פאַר מיר שטייען אָפן צוויי מעגלעכקייטן: זאָאָלאָגישער גאָרטן אָדער וואַריעטע. נישט צעגערנדיק, האָב איך צו מיר געזאָגט: שטרענג אָן אַלע כחות אָנצוקומען אויף דער וואַריעטע; אָט דאָס איז דער אויסוועג. דער זאָאָלאָגישער גאָרטן איז אייגנטלעך בלויז אַ נייע שטייג. קוים קומסטו דאָרטן אַריין, ביסטו פאַרלוירן.

מיינע הערן, איך האָב מיך גענומען צו די למודים. יאָ, אַז מען מוז, לערנט מען טאַקע; מען לערנט, ווען מ'וויל האָבן אַן אויסוועג; מ'לערנט אָן ריקזיכט. מ'גיט אַליין אַכטונג אויף זיך מיט דער בייטש; ביים קלענסטן ווידערשטאַנד שמייסט מען זיך טיילמאָל ביז בלוט. די מאַלפּישע נאַטור איז ווי פון זינען אַראָפּ, האָט זיך איבערגעקערט און איז פון מיר אַרויס, אַז מיין ערשטער לערער אַליין איז דערפון שיער נישט געוואָרן פאַרמאַלפּעוועט. ער האָט גלייך אויפגעגעבן דעם אונטעררריכט און מ'האָט אים געמוזט אויפנעמען אין שפּיטאָל אַריין. צום גליק איז ער פון דאָרטן באַלד ווידער אַרויסגעקומען.

אַ סך לערער האָב איך מיד געמאַכט, יאָ, אַפילו איניקע מיטאַמאָל. ווען כ'בין שוין געווען זיכער מיט מיינע פעאיקייטן, דאָס פּובליקום האָט נאָכגעפאָלגט מיינע פאָרטשריט און מיין צוקונפט האָט אָנגעהויבן צו לויכטן, האָב איך מיר אַליין אָנגענומען לערער, זיי געזעצט אין פינף נעבנבייאיקע צימערן און געלערנט ביי אַלעמען צוגלייך, שפּרינגענדיק אָן אונטערברוך פון איין צימער אין אַנדערן אַריין.

אָ דער דאָזיקער פּראָגרעס! דאָס דאָזיקע אַריינדרינגען פון וויסן־שטראַלן אין מיין אויפוואַכנדיק געהירן אַריין פון אַלע זייטן! ניין, כ'לייקן נישט: ס'האָט מיך באַגליקט. כ'בין מיך אָבער אויך מודה ומתוודה: איך האָב עס נישט איבערגעשעצט, שוין דעמאָלס נישט, אַ פּשיטאַ שוין היינט! דורך אַן אָנשטרענגונג, וואָס האָט זיך עד־היום נישט איבערגעחזרט דאָ אויף דער ערד, האָב איך דערגרייכט די דורכשניטלעכע בילדונג פון אַן אייראָפּעער. אַן און פאַר זיך וואָלט עס אפשר נישט געווען קיין גרויסער אויפטו, עפּעס איז עס אָבער דאָך, היות ס'האָט מיר אַרויסגעהאָלפן אויס דער שטייג און מיר פאַר־



שאַפֿט אָט דעם ספּעציעלן אויסוועג — דעם דאָזיקן מענטשן־אויסוועג. פאַראַן אַן אויסגעצייכנטער פאָלקס־אויסדרוק: מאַכן אַ ויברח; אָט דאָס האָב איך געטון, איך בין אַנטלאָפן. נישט געהאַט קיין אַנדערן וועג, מחמת ס'איז תמיד ביי מיר געווען אָנגענומען, אַז די פרייהייט קען מען בכלל נישט אויסוויילן.

צוריקבליקנדיק אויף מיין אַנטוויקלונג און איר ביז איצטיקן ציל, באַקלאָג איך מיך נישט, און בין אויך נישט צופרידן. מיט די הענט אין די הויזן קעשענעס, אַ פלאַש וויין אויפן טיש, האַלב ליגנדיק, האַלב זיצנדיק אויף דער וויגשטול קוק איך מיר אַרויס פון פענסטער. קומט עמיצער אויף באַזוך, נעם איך אים אויף, ווי עס שטייט אָן. מיין אימפּרעסאַריאָ זיצט אינם פאָדערצימער; קלינג איך אָן, קומט ער און הערט, וואָס איך האָב צו זאָגן. אין אָוונט איז כמעט תמיד אַ פאָרשטעלונג, און כ'קען קוים האָבן גרעסערע דערפאָלגן. אַז איך קום אַהיים שפּעט ביינאַכט פון באַנקעטן, וויסענשאַפטלעכע געזעלשאַפטן, געמיטלעכע פאַרווײַלונגען, וואַרט אויף מיר אַ קליינע האַלב־דרעסירטע שימפּאַנזין, און איך לאָז מיר וואוילגיין מיט איר אויף מאַלפּישן אופן. בייטאָג וויל איך זי נישט זען; אין איר בליק ליגט נעמלעך דער שגעון פון אַ צומישטער, דרעסירטער חיה; נאָר איך קען דאָס דערקענען און ס'איז נישט צום דערטראָגן.

אין אַלגעמיין האָב איך יעדנפאַלס דערגרייכט דאָס, וואָס כ'האָב געוואָלט דערגרייכן. זאָל קיינער נישט זאָגן, אַז עס איז נישט ווערט געווען די מי. אויסער דעם וויל איך בכלל נישט קיין שום מענטשנס אורטייל, איך וויל נאָר פאַרשפּרייטן וויסן, איך גיב נאָר אָפּ באַריכטן; אויך אייך, חשובע הערן פון דער אַקאַדעמיע, האָב איך נאָר אָפּגעגעבן אַ באַריכט.

פונם אָריגינאַל—א. אַלמוג.

הײנץ שטראַה

## צום אָנדענקען פון דער גרויסער יידישער דיכטערין עלזע לאַסקער־שילער

1

אין ארץ ישראל איז געשטאָרבן עלזע לאַסקער־שילער, די יידישע דיכטערין. זי איז געבוירן געוואָרן אין עלבערפעלד, אַן אינדוסטריע־שטאָט ביים טייך וואופּער אין רהיינלאַנד, און איז געקומען צו קבר ישראל אויף דעם הר הזיתים אין ירושלים. זי איז געווען אַ יידישע דיכטערין. ווען דיכטן מיינט פּאָעטיזירן, פאַרפּאָעטיזירן, אויפבויען, דאַן קען מען עלזע לאַסקער־שילער נישט באַצייכענען אַלס דיכטערין. אַזוי ווי זי האָט געלאָזט איר אייגן לעבן פאַרביירווישן ווי אַ כוואַליעדיק שטראָם, אַזוי האָט זי די רייכקייט פון אירע וויזיעס נישט געהאַלטן אין צוים. ליטעראַרישע פאָרם האָט פאַר איר נישט געהאַט קיין באַדייטונג. זי איז געווען אַ פּאָעטין פון אַ העכערן מין, אַן אויסדערוויילטע און באַרופן—צו האַלטן אירע חלומות אין שאַך, זיי צו פאָרמען אין פערזן און אַלס רעוועלאַציעס (אָפּענבאַרונגען) אויסצודריקן. חלומות זיינען פּשוט גאָרנישט מער, ווי דער המשך פון דעם, וואָס מען ווינשט, אַז

עס זאָל געשען; וואָס מען וואָלט געוואָלט טון אָדער אויספירן, און צו וואָס מען איז אינם וואָכעדיקן לעבן צו אָפּגעשראָקן. ווען דער גוף רוט זיך אויס, פריי פון אַלע אויסערלעכע פונקציעס, און די אויגן זיינען צו; ווען דער שלאָף אין זיין גאַנצער ריינקייט באַהערשט דעם גוף — דעמאָלס איז דער גייסט אומגע-שטערט און פריי צו טון זיין דינסט. דעמאָלס זיינען חלומות, מחוץ אַלע אינדעפיניציעס און טראָץ דעם שלייער, וואָס גייט איבער די דערשיינונגען, — וויזיע אוןווירקלעכקייט. די חלומות דיכטן, פאַרפאָעטיזירן די מאָטיוון, מיט וועלכע מען באַשעפטיקט זיך גייסטיק, אָדער בעסער געזאָגט: האַלטן אונדז באַשעפטיקט, נעמען אַרום אונדזער זיין, פאַרפאָלגן אונדז. חלומות רעוועלירן דעם בעל חלומות צו זיין אייגענעם דערשטוינען די אייגענע נויט און מורא, די נייגונגען, אָפּנייגונגען און סימפּאַטיעס. דעמאָלס קענען חלומות באַטראַכט ווערן אַלס דאָס בולט דערשיינענדיקע געוויסן, אַלס רעאַליזירטער וואונש, אַלס געשטייגערטע ווירקלעכקייט.

עלזע לאַסקער־שילער, די בת־החלומות, האָט אירע דורכגעלעבטע וויזיעס געפאָרמט מיט אַזאַ לייכטער האַנט, אַז זיי זיינען געוואָרן פערז־געגאָסענע סטאַטועטן. די וועלט פון דער דיכטערין, אַ קליינע איידעלע פיגור מיט אַ פּנים פון אַ זקנה חכמת, באַשטראַלט מיט איבערגרויסע פאַרחלומטע אויגן — איר וועלט איז נישט געווען אָטאָ סתם מיט אונדז. אינם גרויען לעבן איז זי קיינמאָל נישט געשטאַנען פעסט אויף אירע פיס. עקסטאַטיש פלעגט זי לעבן אין אַן׳איבערערדישער וועלט, אין דעם לאַנד פון אירע אבות, וועמענס מעלאָדיעס, שירים און מיסטיק האָבן איר געגעבן אַ באַפרידיקט־זיין און האָבן אויסגעפילט איר מהות. דאָ איז עלזע לאַסקער־שילער די יידישע דיכטערין.

ווען דיכטער זיין הייסט אויך זיין אַ נביא, דאַן איז עלזע לאַסקער־שילער אין אויסטייטשן און נביאות געווען אַ געבענטשטע. איר געדיכט „ירושלים“ באַווייזט עס:

„אָ, פון דיין מויל דעם הייליקן
האָב איך געלערנט ברכות קענען.
אָט שוין שפּיר איך די ליפּן פון
גבריאל אויף מיין האַרץ דאָרט ברענען,
און די וואָלקן פון דער נאַכט טרינקן אויס
מיין טיפן לעבענס־חלום.

ווי ווינקט צו מיר דיין לעבן!
און מיט יסורים פון מיין האַרץ
איך פאַרגיי, פאַרוועלק;
פאַרגיי אין רוים פון וועלט און צייט אין אייביקייט...
מיין נשמה פאַרברענט אין די וואונט־פאַרבן
פון ירושלים.“ (אין יידיש איבערזעצט פון אליהו פאַלושאַק).



עלזע לאַסקער־שילער איז געווען באַהערשט פון אַ שטאַרקן מענטשלעכן שטאָלץ. אין איינעם פון אירע ביידע דראַמען („די וואופּער“) האָט זי געשאַפן אַ געשטאַלט מיט אַ גלאָזערנעם האַרץ, געעפנט פאַר אַלעמען און יעדן.

אינם לעבן איז זי געווען עקסטאַטיש און פאַרחלומט. איצט איז דאָס ברענענדיקע פייער, וואָס האָט אויסגעשטראַלט וואַרעמקייט און ליכט, פאַר־לאָשן. אירע פערזן, גאָר איידעלע ליריק, וועלן בלייבן אַן׳אייביקע ירושה פאַר איר פאָלק.

אהרן גאלדבערג

## צום אנדענק פון דר. יעקב מאיר זאלקינד

### וו. די שקיעה - פעריאדע פון דער יידישער אנאר־כיסטישער. באוועגונג אין לאנדאן

מיין פּנים אל פּנים באַגעגעניש צום ערשטן מאָל מיט דר. י. מ. זאַלקינד איז פאָרגעקומען אין 163 דזשובילי סטריט, לאָנדאָן, סוף יאָר 1922, אין דער דרוקעריי פון יידיש־אַנאַרכיסטישן־קאָמוניסטישן „אַרבייטער־פריינד“. ער איז נאָך דעמאָלט געזעסן אויפן רעדאַקטאָרישן שטול פונם געשיכטלעך פּאָפּולערן לאָנדאָנער יידישן אַרבעטער־אָרגאַן. דאָרטן, אין יענעם הויז איז געווען די דרוקעריי אויבן; אונטן, אינם קליינעם אוממעבלירטן צימערל איז געלעגן די געשיכטע: די פאַרגאַנגענהייט, געגענוואַרט און אומקלאָרע צוקונפט פון דער יידישער אומאָרגאַניזאַציאָנעלער באַוועגונג. קרוב אַ פערטל יאָר־הונדערט יידיש־סאָציאַלע־און ראַדיקאַלע־רענעסאַנס איז שוין דעמאָלט געווען פאַרבונדן מיט אָט דער דרוקעריי און הויז. כמעט אַלע וועטעראַנען פון יענער פעריאָדע — יידישע סאָציאַליסטישע דענקער, אַרבעטער־פּאָעטן און פירער פון לאָנדאָן און אַמעריקע ; די וואָס זיינען דורכגעגאַנגען לאָנדאָן און די וואָס זיינען פאַרבליבן—האָבן אָנגעהערט צו דער יידיש אַנאַרכיסטישער באַוועגונג.

רודאָלף ראָקער, דער לאַנגיאָריקער רעדאַקטאָר פון „אַרבייטער פריינד“, רעדנער און וואָרטזאָגער פון אָט דער באַוועגונג, איז שוין דעמאָלט געווען געשיכטע. ראָקער, דער „דייטש“, וועמען די „גרויסע מלחמה־נומער־איינס“ האָט פאַרשפּאַרט פאַר יאָרנלאַנג אין תפיסה־קעמפּ, האָט זיך שוין מער נישט צוריקגעקערט נישט צום „אַרבייטער פריינד“ און נישט צו זיינע געגנאָסן אין לאָנדאָן; און דער „יידישער“ זאַלקינד האָט פאַרנומען ראָקערס פּלאַץ זינט 1920.

אָבער דאָס געדעכניש פון ראָקער האָט ווי פאַרטריקנט די הערצער פון דער „גענאָסנשאַפט“ צו יעדן אַנדערן; זיין ווירקונג, זיינע אומצאָליקע יאָרן פון הצלחה ביי די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין לאָנדאָן, האָט געלייגט אַ חתימה, אַ ראָקער־חתימה, וואָס איז נישט אויסגעמעקט געוואָרן פון זכרון, און האָט געלעבט יאָרנלאַנג צווישן די גענאָסן, נאָכדעם ווי ראָקער איז שוין לאַנג נישט געווען אין לאָנדאָן.

זאלקינדס יאָרן פירערשאפט אין דער באוועגונג אלס רעדאקטאָר פון „ארבייטער פריינד“ האָט נישט געווירקט און אויך נישט געקאָנט אויסמעקן אָט דעם אומשאָטנדיקן זכרון און ליבע צו ראָקערן.

אין דעם דריטן יאָר פון זיין רעדאקטירן אָט דעם יידישן ראדיקאלן אָרגאַן האָט דער דאָזיקער דאָקטער־באָהעמער נאָר נישט אויסגעזען ווי קיין בר־מזל. איך פלעג אים טרעפן אינם פערשטויבטן אומעטיקן צימערל שטענדיק אליין: פיפקע אין מויל, שרייבנדיק, לייענענדיק, פארטיפט אין זיך, חלומנדיק, אָפט מאכנדיק חידות, רעטענישן, זיינע אומעטיקע ברוינע אויגן פערנעפלט ווי אין חלום... א שארפער משופעדיקער צוק ארום זיין מויל; און דער אויסדרוק פון זיין פנים, ווי דער אופן זיצן אויפן שטול, פלעגט אויסגעבן דעם צער פון עפעס ווייטאָקלעכעס...

איך האָב זיך גלייך דערוויסט און אויך דערפילט, אז דאָס וואָס ער האָט נישט געפונען קיין הצלחה נישט אין דער באוועגונג און נישט אין „ארבייטער פריינד“ האָט פערשאָטענט זיין געמיט.

ער האָט אייגנטלעך געדארפט מאכן א רעדאקטאָר „פאר עקסעלענס“— מיט זיין גרויסן באגאזש פון ב י ל ד ו נ ג. זייענדיק א פילאָלאָג און געלערנטער ביבליאָגראף איז ער געווען פיל זייטיק; זיין פאָליטישע און געזעלשאפטלעכע אידעאָלאָגיע מאסגעבענד; זיין פען איינפאך, קלאָר און פרוכטבאר, וואָרים ער האָט געשריבן אונטער פערשידענע פסעוודאָנימס, און געווען א טאלאנטפולער איבערזעצער און קאָמענטאַר אויף פרעמדע שפראכן! — און דאָך איז דער „אר. פר.“ ניט געווען קיין גרויסע הצלחה.

וואָס האָט געפירט דר. זאלקינד אין דער אנארכיסטישער באוועגונג? מיין מיינונג איז, אז צופאל. וואָרים אין דער אמתן איז ער געווען פארבונדן פון דער יוגנט אָן מיט די בעסטע פעדעם, קוואלן און מדות פון זיין פאָלק. אָבער ער האָט אויך פון דער יוגנט אָן שוין געקעמפט פאר יידישער אויסבילדונג און רענעסאנס — עקאָנאָמיש, סאָציאל און נאציאָנאל; ער האָט געוואָלט זען א רעוואָלוציע אין יידישן לעבן מער ווי ערגעץ אנדערש, א רעוואָלוציע וואָס זאָל ענדערן דעם יידישן פנים עקאָנאָמיש, סאָציאל און נאציאָנאל — און דערהויפט קולטורעל! ער איז געווען דער אמתער קולטורעלער עקספאָנענט אין דער נאציאָנאלער און רעליגיעזער יידישער גאס, אָפט קעגן די כלי קודש, קעגן געזעלשאפטלעכער און רעליגיעזער צביעות, א.ז.וו. אָט דער שיידוועג האָט אים צוגעפירט צו ווערן דער רעדאקטאָר פון „אר. פר.“ און אין דער אנארכיסטישער באוועגונג. מיט זיין ראדיקאליזם, באזונדערס מיט זיין באָהעמישער און בונטארער נאטור, האָט ער צופרידנגעשטעלט א גרויסן טייל פון יענע אנארכיסטן ביי וועמען אנארכיזם און אטעאיזם זיינען געווען סינאָנימס.

פערזענלעך האָט זיך ז. ווייניק אָנגעהערט מיט אטעאיזם. פארקערט זיין שורש איז געווען רעליגיעזיטעט, און זיין נאטור איז ניט געווען גענייגט צו



נעגאטיווע אידייעס. צופיל געלערנטער מענטש איז ער געווען דערפאר; ער איז געווען פון די יחידי סגולה סאָציאליסטישע יידישע דענקער וואָס האָט געהאלטן אז זיין אן אנארכיסט הייסט נישט זיין „ייד־סאָציאליסט“ ווי להבדיל „ייד פון משה־רבינוס גלויבן“, און אז א סאָציאליסט דארף נישט איבערייסן מיט דער יידישער טראדיציע, מיט יידישע מנהגים, אפילו נישט מיט דער שול און גלויבן אין גאָט... אין קורצן, אים האָט אריינגעשטופט אין די אנארכיסטישע רייען (פונקט ווי דעם ש ר י י ב ע ר פון ארטיקל) דער געוויסן פון א באוואוסטזיניקן מענטשן, די וויסנשאפט, דער יושרדיקער געפיל נאָך פרייהייט און גלייכהייט; בעזונדערס, דער אָבשיי צו דער מענטשלעכער רעאקציע, פאנאטיזם און אבערגלויבן, יידישע ווי קריסטלעכע אינקוויזיציעס; זייענדיק אָן אנארכיסט האָט ער נישט געפילט קיין באדערפניש אויפצוגעבן דעם אל־האמונה און די יידישע קולטור־אוצרות... אָט דעם געדאנק האָט ער פאר מיר אויסגעדריקט אין אונזערע ערשטע געשפרעכן — געדאנקען וואָס האָבן געלעבט אין מיין הינטער־באוואוסטזיין און געקומען צום אויסדרוק ערשט אין מיינע שפעטערע יאָרן.

האָט זיך טאקע דערפילט סיי אויף די זייטן פון „ארב. פר.“ און סיי אין זיינע לעקציעס מער דער טעמפעראמענט פון יידישן געלערנטן, איידער אנארכיסט. איבער וואָס פאר א סאָציאלער טעמע ער האָט נישט געזאָלט רעדן האָבן די צוהערער שטענדיק געהאט דעם זעלבן איינדרוק — אז דאָס האָט דער דאָקטער דערקלערט די יידישע סאָציאלע רעכט־פרינציפן פאר יושרדיקע לעבנס־שטייגערס, געבויט אויף די יסודות פון תנ״ך און תלמוד.

אָבער דער פועל יוצא אָדער קל וחומר, וואָס ס׳דערפון געדרונגען געוואָרן איז געווען אזוי: ווי באלד אז ער פארבינדט מאָדערנעם סאָציאליזם, אנארכיזם, יידישע עטיק מיט תנ״ך, גמרא, תנאים און אמוראים, איז ער ממילא א רעליגיעזער ייד... ס׳מוז דאָ באמערקט ווערן אז אָט דער פילאָזאָפישער אמת פון נאציאָנאלער־סאָציאלער טענדענץ געבויט אויף דער הילפלאָזער יידישער סאָציאלער און עקאָנאָמישער לאגע וואָס האָט זיך שפעטער אלץ מער אנטוויקלט צווישן דער יידישער ארבעטער אינטעליגענץ און יידישער ליטעראטור, איז נאָך דעמאָלט געווען צו פרי צו קענען פארדייען אָט דער רעכטער יידישלעכער ווענדונג; ספעציעל האָט די דאָזיקע טענדענץ ארויסגערופן חשד ביי דעם שארית־הפליטה פון אנטי־רעליגיעזן, אנטי־נאציאָנאלן עלעמענט, וועלכער איז אָן ספק אין יענער צייט געווען דער רוב.

און ז. איז מיט דער צייט אין זיין באוועגונג געוואָרן א שם־דבר, שיער נישט א סעקטע. ס׳האָט געהייסן: „נאציאָנאל־רעליגיעזע אנארכיסטן!“...

— איר, ג., זענט א זאלקינדיסט! — פלעגט מען מיר זאָגן.

ס׳איז אלזאָ ניט געווען קיין שלום צווישן דער דעמאָלטיקער, איבערגעבליבענער קוים עקזיסטירנדיקער יידישער באוועגונג — ס׳האָט נישט געקענט הערשן קיין שלום צווישן דער אלטער אנארכיסטישער אידעאָלאָגיע פון וועלטלעכער סאָציאלער רעוואָלוציע און דער פילאָזאָפיע פון אנארכא־יידישן געלערנטן.

ס׳האָט נאָך אין יענער צייט (1922) עקזיסטירט דער אנאַרכיסטישער קלוב אין פילדגייט סטריט, וועלכער האָט זיך נאָך קוים געהאַלטן אויף „זכות־אבות“... ד״ה, אויף דער עקזיסטענץ פון „ארב. פר.“ די איינציקע לעבעדיקע פונקציע פונם קלוב, לויט ווי איך געדענק, איז געווען די פראַגע, ריכטיקער, דאָס פּראָבלעם פונם „ארב. פר.“ און זיין רעדאַקטער. ס׳זיינען פאָרגעקומען הייסע מיטינגען און דיסקוסיעס איבער פראַגן: ווי אזוי דער „ארב. פר.“ דאַרף אויסזען און איבער דער פּערזאָן פון דר. ז. געשוואוירענע גענאָסן, אויפגעהאָדעוועט פון קאַסמאָפּאָליטישן ראָקערן זיינען געווען דער שטאַרקסטער צד. זיי האָבן געהאַלטן אז די ירידה פון „ארב. פר.“ און שקיעה פון דער באַוועגונג איז אַ פּועל יוצא פון ז.׳ס יידישער אידעאָלאָגיע. געווען אזעלכע וואָס האָבן געפּרואווט פסלן זאַלקינדס אנאַרכיזם מיט פאַרשידענע קלאַנגען, בויך־סברות און מעשיות. למשל: אז ער דאַוונט אין דער היים און בצנעא און אין טלית ותפילין.

— אז ער גייט ראש השנה און יום כפּור אין שול.

— אז ער דאַוונט פאַרן עמוד אין שול אלס חזן און שליח צבור.

און אזוי ווייטער — — —

ז. פלעגט צו אייפעריג נישט רעאַגירן אויף אָט די אַלע רכילות און רייד קעגן אים. זער זעלטן פלעגט ער אויפברויזן, בלויז איינמאָל אויף אַ שטורמישן מיטינג אין פילדגייט סטריט געדענק איך פלעגט ער אָן אויפגע־רעגטער קלאַפּן אין טיש און פּראָטעסטירן קעגן די טענות פון גענאָסן. און עס לעבט אויך נאָך דייטלעך פאַר מיר זיין געשטאַלט און דער פּראָטעסט און געפיל־אויסדרוק אין מיינע אויערן און זיינע ווערטער פול מיט רחמים:

— גאָלדבערג, פאַרוואָס לאָזט איר און אנדערע פאַרשטענדיקע אינטע־ליגענטן צו, אז עמי הארצים זאָלן הערשן איבער אייך און אין דער באַוועגונג? פאַרוואָס? — — — אָט מיט די תפילה־טענה פלעגט ער זיך צו מיר ווענדן אין דער שטיל, ביחידות, אָנגעפילט מיט צער אין זיין שטים און בליק.

איראָניש פאַר זיין מזל בכלל, איז ווערט צו דערמאָנען דעם פאַקט דאָס ז.׳ס שאַרפסטער און אויסגעשפּראָכענער קעגנער און קעגן זיין „יידישקייט“ אין דער אנאַרכיסטישער באַוועגונג איז געווען דער אַלטער טאַפּלער (זאָל מיר מוחל זיין), אַ טיפּ אָן אינוואַליד, וואָס איז געווען פאַרבונדען מיט דער בעוועגונג פון אירע ערשטע יאָרן און איז געווען אזוי־צו־זאָגן דער „שמש“ און דער „גבאי“; ער פלעגט ארומגיין מיטן „ארב. פר.“ און אנאַרכיסטישער ליטעראַטור; איז אָבער געווען אַן „אַלפאַבעטניק“, ער האָט ניט געקענט לעזן און ניט שרייבן. אָט דער טאַפּלער איז געווען מיט דער מיינונג, אז זאַלקינד איז אַ רבי׳לע... און מערקווירדיק, אָט די פיליסטרישע אָפּשאַצונג האָט זיך ווייזט אוים איינגעוואָרצלט און געבליבן דאָמינירענד.

ס׳האָט זיך מיט דער צייט פאַרפלאָנטערט פאַרטייאישע צאַנקערייען און חילוקי־דעות קעגן אים מיט השערות, בייזוויליקער נבול פּה פון דער דרויסנ־דיקער יידישער גאַס און פערזאָנען, וועלכע האָבן זיך געהאַט זייערע חשבונות, סברות און מעשיות...



און אזויערנאָך האָבן אויך די פרומע און רעאַקציאָנערע קרייזן גענומען „רעוועגש“ פון דעם מערקווירדיקן יידישן געלערטן וואָס איז געווען אי אַן אפּיקורס אי אַ „בר־בי־רב“;, אי סאָציאַליסט אי למדן. פאַר די דאָזיקע קרייזן איז שוין דר. זאַלקינד געווען אַ „גוי“, אַ „מומר־להכעים“, אַן אפּיקורוס שוין דערפאַר וואָס ער איז געווען פאַרבונדן מיט אנאַרכיסטן; אָבער מער פון אַלעם האָבן זיי געהאַט תרעומות פאַר אַלטע חטאים און דרכים קעגן זיי... און דער גרעסטער חטא וואָס איז זיי צוגעשריבן געוואָרן איז געווען זייערע טראַדיציאָנעלע בעלער אין יום־כפּור... כ׳ווייס נישט גענוי, צי ז. אין זיין צייט האָט אנטייל גענומען אָדער נישט אין די דאָזיקע בעלער, צי די יום־כפּור בעלער האָבן אין זיין צייט נאָך געהאַט חזקה; אָבער שנאה און רשעות האָט דער דאָזיקער „טראַדיציאָנעלער“ מנהג ארויסגערופן אַ סך און ספּעציעל צו אים: עס איז געפּסלט געוואָרן אין די אויגן פון דער יידישער קלעריקאַלער און בעל־הבתישער וועלט זיין יידישקייט „לעולם ועד“.

און מיט אזאַ באַציאונג פון זלזול־האדם און נבול־פּה זיינען אויך באַ־איינפלוסט געוואָרן פאַראַנטוואָרטלעכע יידישע ראַדיקאַלע זשורנאַליסטן. אזוי האָט למשל ש. ראָזענפעלד, דאַכט זיך אין אמעריקאַנער „טאָג“ (אזוי האָט מען מיר איבערגעגעבן) אין יענער צייט אים באַצייכנט אלס „דער אנאַרכיסט אין ארבע כנפות“...

זאַלקינד האָט זער שטאַרק געליטן פון אָט דער באַציאונג קעגן אים. נאָר זיינע נאָנטע פלעגט ער אָנפאַרטרויען דעם ווייטאָק זיינעם... זיין קאַפּריזנע נשמה, זיין תמימותדיקייט ווי אויך זיין עקשנות פלעגט ארויסרופן שטוינונג. ניט ביי איינעם פלעגט ער ארויסרופן פאַרוואונדערונג: פאַרוואָס זיצט אָט דער מענטש דאָרטן אין דעם קליינעם אַלקערל, אין דעם שטויביקן אָרימען צימערל צווישן אַן אָרימער באַוועגונג, צווישן „גענאָסן“ וואָס טאַדלען אים און פאַרשטיין אים נישט; וואָס איז דאָס אזוינס, וואָס צווינגט אָט דעם יידישן געלערנטן, ביבליאָגראַף, פילאָלאָג, שפּעטערדיקן איבערזעצער פון תלמוד אויף יידיש, און אויך צוקונפטיקער מחבר פון דער משנה־ותוספתא צוזאמען, צו ווערן אַ מחזיר על הפתחים, קלייבן פּרענאַמעראַנטן, קלאַפּן אין ארבעטער־טירן און בעטן נדבות פאַרן „ארב. פר.“?

וואָרים אָט דער מענטש האָט מיטגעמאַכט די ערנסטע פּעריאָדע און געשיכטע פון דער איינציקער און לעצטער יידישער ראַדיקאַלער באַוועגונג און האָט דערפילט דעם ביטערסטן טעם פון יידישער ארבעטער עקאָנאָמיק. און געקענט האָט ער אין דער זעלבער צייט זיצן אין “Maison de Modes” אין האַראָגייט, לידז, בראַדפאָרד אָדער ליווערפּול, אין דעם רייכן מאָדע־געשעפט פון זיין פרוי און לעבן פריי און זאָרגלאָז, אָטעמען ריינע לופט און צורולאָזן די שווערע אומהיימלעכע ארבעטער אומשטענדן, אידייעס און אוטאָפּיעס. ער האָט גוט געפילט דעם טעם און דעם קרבן וואָס ער האָט געבראַכט אָט די אַלע יאָרן פאַר דער יידישער ראַדיקאַלער גאַס און דער דאָזיקער באַוועגונג, און דעם שכר זיינעם וואָס ער האָט דערפאַר געקריגן,

סיי פון דער אנארכיסטישער באוועגונג, סיי פון דער אלגעמיינער געזעלשאפט. אבער ער איז דאך געקומען אין 163 דזשובילי סטריט קעגן אלעם און אלעמען ביז דער לעצטער נומער „ארב. פר." איז ארויס!

דער לעצטער נומער... לענאבעל, דער לעצטער אדמיניסטראטאר, סעקרעטאר, זעצער און וועטעראן פון דער באוועגונג, האט ווייזט אויס פארגעזען די טרויעריקע ענדע פון „ארב. פר." און איז ענדלעך סוף דעם זעלבן יאר 1922 אוועק נאך רוסלאנד.

ז. איז געבליבן אליין... כמעט איינער אליין פאראנטוואָרטלעך פאר ארויסגעבן די צייטונג... די גענאסן האבן ווי אפגעלאזן... ז. פלעגט קומען געוואויר ווערן וואס ס'הערט זיך. די פינאנציעלע לאגע איז שוין געווען אנארכיש און כראניש. ער איז געווען נידערגעשלאגן און דער אומעט פלעגט ארויסקוקן פון זיינע אויגן. אין צימערל פלעגט ווערן לערער און ליידיקער. פון די „שעלווס"—וועלכע פלעגן שטענדיק זיין אנגעפילט מיט דיקע בייכיקע ביכער, געדרוקט אין „ארב. פר." דרוקעריי, און אויך אמעריקאנער אויסגאבעס—האבן איצט ארויסגעקוקט הוילע לעכער און ליידיקייט. ער האט שוין געוואוסט אז די טעג פון „ארב. פר." זיינען געציילטע; אבער ער פלעגט זיצן מיט פעדער אין האנט און פיפקע אין מויל אזוי ווי שטענדיק, זיינע אומעטיקע אויגן פארנעפלט און אין ווייטע וועלטן און געדאנקען; א שארפער משופּעדיקער צער אויסדרוק ארום זיינע מויל ווינקלען, און א שטומער וויי־טאק האט געדריקט זיין ברוסט און זיין גרויסן מח ביז דער לעצטער מינוט: ווי וואונדערנדיק זיך אליין פאר דער אומהצלחה אין זיין טעטיקייט! . . . אויף די ארבעט אט די אלע פארגאנגענע אומצאליקע יארן אין דער יידישער געזעלשאפטלעכער און ראדיקאלער באוועגונג! . . . אט דער מענטש, וואס האט אזוי ליב געהאט שטענדיק צו לעזן חידות און רעטענישן, איז איצט צום סוף געווארן פערפלאנטערט אין דער ח י ד ה פון זיין אייגענעם פערזענלעכן לעבן — אין א רעטעניש, וואס האט אים פערנעפלט, און וואס איז געווען פאר אים אונלעזבאר! . . . .

דער „ארב. פר." איז ענדלעך אונטערגעגאנגען, און צוזאמען, שטופנווייז, אויך די יידישע אנארכיסטישע באוועגונג. אבער די חידה פונם דאקטער, פון זיין פערזאן, דאס רעטעניש פון זיין שאפונגסגייסט איז אבער ניט אונטערגעגאנגען; פארקערט, ערשט מיט יארן שפעטער, איז די דאזיקע חידה פון זיין לעבן פארענטפערט און דערלעזט געווארן — ערשט דעמאלט, ווען ער איז צוריק אריין אין זיין עלעמענט; ווען ער איז ווידער געווארן באהאפטן מיט זיין שורש, וואס האט געצויגן זיין יניקה פון וואלאזשין, פון זיין שטאם־יחוס בעש"ט, חכם־צבי, תויו"ט א.א.; ערשט דעמאלט, ווען ער איז געווארן דער מפרש און בעל־תרגום פון תלמוד אין יידיש און שפעטער פון דער משנה ותוספתא.

(אַ דריטער קאַפּיטל אינעם צוקונפטיקן העפטל)



עלעק וואטערמאן

## די יידיש־סאוויעטישע פאעזיע אין די גרויסע פאטערלענדישע מלחמה

(המשך פון „העפטל" 63)

**אט די פאזיטיווע טענדענץ ווייזט זיך באזונדערס ארויס אין מ. כאשטשעוואצקים באלאדן אין די פריער דערמאנטע זאמלונג „שמשון און דלילה":**

**עס איז ביי זיי א יום־טוב: ס'איז שמשון דער העלד,**
**דער שרעקלעכער קעננער געבראכן,**
**עס האט זיין געליבטע פארקויפט אים פאר געלט.**
**ס'האט טייער געקאסט דער נצחון.**

**עס יובלען די פלישתים געלעכטער און פרייד**
**דעם ריזיקן טעמפל פילט איבער.**
**א בלינדער האלב נאקעט, אין זאקענעם קלייד**
**עס שטייט דער געפאנגענער גיבור.**

**געטון אויף פאראויס האט דער גיבור א טראט**
**(ס'האט אלצדינג געדויערט איין ווײַלע)**
**צעשפרייט זיינע הענט בלינדערהייט און ער האט**
**דערלאנגט צו די נאנטע זיילן.**

**עס האט די געביידע געקראכט מיט אמאל**
**און אין שוידער־געהויל אין צומישטן**
**געגעבן א קלונג האט אויף דורות דאס קול**
**— זאל שטארבן מיין זעל מיט די פלישתים!**

**אדער אין די באלאדן „יואל און סיסרא" און חנה מיט די זיבן זין, דוד און גלית און די עפּיזאדן פון מכביער אויפשטאנד, די באלאדע „דאס פאלק איז אויפגעשטאנען", בלויז פון די נעמען קענט איר דערזען אט דעם פראצעס פון היסטארישע זוכעניש און פאראלעל.**

**און אין עזרא פינינבערג'ס בוך „פונם שלאכטפעלד" „ווי גיך ס'בייטן זיך די דורות":**

**נאך שפעטער, שפעטער אין אנפאנג פון מיין לעבן**
**(ווייט וואנדערעווען כ'האב ליב געהאט שוין דאן)**
**בין איך אוועק שפאצירן אין אומאן**
**צום אלטן פעלד ווו ס'ליגט דער רבי,**
**רב נחמנצי דער ייד דער גוטער.**
**ווי גיך עס בייטן זיך די דורות!**

אָט איז דאָ נאָנט אויף דער מאַמעס הענט
אדורכגעגאַנגען אַ נייער מענטש
אַ פרישער צאַפּלדיקער יורש
זע! ס'איז אדורך מיטן ריינעם בליק
דאָס קליינע קינד פון אונזער וויג
זיין מאָרגן־טאָג איז אומגעהויער
ער וועט אדורך די גרויע בריק,
ער וועט אדורכן דורכן בלוט פון קריג
ער וועט דערשלאָגן זיך צום גליק
אַ וועלט באַזיגער און אַ בויער!

אָדער אין די עפּאָפּייאישע פּאָעמע פון איציק פעפער „איך בין אַ ייד“:
ווי דער רויטער פאָדים פון פאַראַלעל ווערט געצויגן
דורך די געשיכטע פון אונזער פאָלק „דאָס אייביקע פאָלק“

ניט פרעה'ס שלעק, ניט טיטוס, המן
האָבן צוברעכן מיך געקענט
ווייל בר כוכבא'ס רוף האָט אויפגעפלאַמט
דער קלוגער קנייטש פון רבי עקיבא
די חכמה פון ישעיה'ס וואָרט
האָבן גענערט מיינע דורשטן מיין ליבע,
ס'האָט אונזער שלמה'ס וווּנדער שכל און ווונדער וועג
מיך ניט פאַרלאָזט
איך הער יהודה הלוי'ס קלאַנגען
יאָרהונדערטער און ווער ניט מיד
ווייל כ'בין אַ ייד.

און דאַן אַן איבערשפּרונג צו די געגנוואַרט:

איך בין אַ ייד וואָס האָט געטרונקען
פון סטאַלינישן כוס פון גליק
און ווער ס'וויל מאָסקווא זאָל פאַרזונקען
דעם זאָג איך לא! דעם שריי איך נידער!
און אויף צופיקעניש די שונאים
וואָס גרייטן קברים שוין פאַר מיר
וועל איך אונטער די רויטע פאָנען
נאָך האָבן נחת אָן אַ שיעור
כ'וועל מיינע וויינגערטנער פאַרפלאַנצן
און פון מיין גורל זיין דערשמיד
כ'וועל נאָך אויף היטלערס קבר טאַנצן
ווייל כ'בין אַ ייד.

(שלום פון עסיי אין קומענדיקן נומער).



## פון יידישן פאָלקס-מויל

### וויצן, גלייכווערטלעך און מעשהלעך

געהערט, געקליבן און באַאַרבעט דורך שלמה גאָלדענבערג

### ה.

### 18. אַפאָריזמען

(א) אַז מען זאָגט מיר, אַז מיינע שירים טויגן נישט—אַרט מיך נישט: ר' יהודה הלוי איז געוויס גרעסער און בעסער פון מיר. אָבער אַז מען זאָגט מיר, אַז איך בין קיין סוחר נישט אַרט מיך שוין יאָ, ווייל ד.ה. אַז איך אַליין טויג אויף כפרות!... (חיים נחמן ביאַליק).

(ב) ווי די מתים עסן — אַזאַ פּנים האָבן זיי... (דר. טשאַרנאָ*).

(ג) אַ ייד ווערט עלטער נישט נאָר פון צרות, נאָר פון יאָרן אויך. (דר. ש. לעווין).

(ד) מיר זיינען אַ קליין פאָלק — אָבער אַ מאוס!... (דר. ש. לעווין).

(ה) אַ יידן טאָר מען נישט חושד זיין — ער איז געוויס אַ גנב!... (ה. זלטפּולסקי).

### 19. איינער דאַרף זיין ברוגז . . .

מיין עלטער־עלטער פעטער ר' מאיר איז געווען נישט נאָר אַ פרומער ייד, נאָר אַ גרויסער למדן און אַ עושר. אין די מיטעלע יאָרן איז ער געווען אַ גרויסער וואַלד־סוחר און אויף די עלטערע יאָרן האָט ער זיך צוריקגעצויגן פון מסחר און האָט זיך פאַרנומען נאָר מיט תורה און מעשים טובים. ער האָט אויפגעבויעט אויף זיין אייגענעם חשבון דאָס „גרעלע קלייזל“ און זיין שטוב איז געווען אָפן פאַר יעדן אָרימאַן און פאַר יעדן אורח.

אָבער מער פון אַלעס האָט ער ליב געהאַט צו גיין צו יידישע שמחות (אַ חתונה, אַ ברית, אַ פדיון־הבן, אז"וו). ער פלעגט נישט נאָר באַשיינען די שמחות—רייכע און אָרימע צוגלייך—נאָר ער פלעגט יענעם מהנאה זיין מיט דעם בעסטן וואָס ער האָט געקענט, צי מיט געלט, צי מיט וויין, צי גלאַט מיט אַ שיינעם ניגון, ווייל חוץ אַלעמען איז ער נאָך געווען אַ בעל־מנגן און נעילה איז שוין געווען זיין חזקה. אין שטעטל איז מען אַזוי צוגעוויינט געוואָרן צו דעם מנהג זיינעם אַז יעדער איינער, גרויס צי קליין, פלעג אים איינלאַדן צו זיין שמחה.

איינמאָל טרעפט זיך, אַז אַ ייד אַ בעל־ברית און דווקא אַ אָרימאַן האָט אים צו דער שמחה נישט איינגעלאַדן. צי איז דער ייד אויף אים געווען עפּעס ברוגז, אָדער ער האָט זיך געשעמט מיט זיין אָרים שטיבל, ווייס איך נישט. אָבער ר' מאיר האָט זיך דערפון דערוויסט אינדערפרי ביים דאַווענען טאַקע

---

*) דר. טשאַרנאָ פון בעלאַיעי צערקאָוו („שוואַרצע טומאה“) איז געווען אַ נאָנטער פריינט פון שלום־עליכם. ער האָט אָנגעשריבן דאָס ערשטע ביכל וועגן פּראַקטישער מעדיצין און היגיענע אין אַ גוטן, שיינעם י י ד י ש . . .

פון דעם מוהל אַליין און נישט קוקענדיק אויף דעם גרויסן פראָסט האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן אין וועג אַריין ווייט אין אונטערגעסל נעבן דער ריטשקע.

ר׳ מאיר איז אָנגעקומען אין צייט, האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן טיש, און האָט געשוויגן. אָבער נאָכן מל־זיין דאָס קינד האָט ער אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ גוטע פלאַש ווייַן, האָט אָנגעגאָסן צוויי כוסות פאַר דעם בעל־שמחה און פאַר זיך, האָט געטרונקען לחיים פאַר דער יולדת און פאַר דעם רך־הנולד און האָט געזאָגט הויך, אַז אַלע זאָלן הערן: „פאַרשטייסט מיך, יוסי, איינער פון אונדז האָט געדאַרפט זיין ברוגז: אָדער א י ך, וואָס דו האָסט מיך נישט פאַרבעטן אויף דעם ברית, אָדער ד ו, וואָס איך בין געקומען... אָבער איך האָב זיך באַטראַכט און באַשלאָסן, אַז בעסער זאָלסט דו זיין ברוגז, וואָס איך בין געקומען, איידער איך וואָס דו האָסט מיך נישט איינגעלאָדן... לחיים אַלע יידן!...

דער ייד האָט זיך פאַרשעמט, עס האָבן זיך ביי אים געשטעלט טרערן אין די אויגן, די אונטערשטע ליפ האָט ביי אים גענומען ציטערן, עפּעס האָט אים געוואָרגן אין האַלדז און ער האָט נישט געקענט ענטפערן. אַ פּאָר מינוט איז דער בעל־שמחה געשטאַנען ווי אַ גולם, אָבער ר׳ מאיר האָט נישט געוואַרט אויף קיין תשובה, ער האָט גענומען זינגען אַ שיינעם ניגון, דער עולם האָט מיטגעהאָלפן און דער ברית האָט זיך פאַרצויגן ווייט אין אָוונט אַריין, אַזוי אַז מען האָט שוין געדאַוונט מנחה און מעריב טאַקע דאָ אין הייזל... ווען ר׳ מאיר האָט זיך אָנגעטון צו גיין אַהיים איז שוין געווען שטאָק־פינסטער און דער בעל־שמחה האָט אים באַגלייט דעם גאַנצן באַרג אַרויף, ביז ער איז געקומען אויפן גלייכן וועג... (פון מיין מאַמען).

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאַכמיטאָגס

אין קווינס־האַל, קאָמערשעל רויד, א.1. — 3 אַזייגער.

שבת, דעם 2־טן יוני, דער צווייטער שבת פאַרן יידישן קינד.

שבת, דעם 9־טן, וועט סטאַף־סערזשאַנט, דער שרייבער, י. ח. קלינגער, האַלטן אַ פאַרטראָג: דער שונא אונטער שטאַכל־דראָטן.

שבת, דעם 16־טן, וועט עלעק וואַטערמאַן, האַלטן אַ פאַרטראָג: שלום און דאָס יידנטום.

שבת, דעם 23־טן, וועט י. א. ליסקי, האַלטן אַ פאַרטראָג: די מיסיע פון דער יידישער ליטעראַטור.

שבת, דעם 30־טן, די טראַדיציאָנעלע ביאַליק־הערצל פייערונג.

**א. נ. שטענצל**

פערלאַג און דרוקעריי י. נאַראַדיצקי און זין, לאָנדאָן, א.1.
**פרייז -/1.**



# אונזער קולטור פאָדערונג

## שוץ פאַר דער יידישער קולטור

אַצינד, ווען מיר שטייען, בפועל ממש, פאַר דער דערשיטערנדיקער טאַטזאַך, אַז אַ דריטל פון אונזער פאָלק איז פאַרטיליקט צוזאַם מיט זייער מאַטעריעלן האָב און גוטס און זייערע גייסטיקע קולטור־אוצרות, און בנוגע דעם לעצטן, איז עס נישט אַ דריטל נאָר דער מקור און די פּאַטענץ פון אונזער גאַנצן יידישן שאַפן, פאָדערן מיר פון די מאָדערנע קולטור־שטאַטן,—אויב זיי ווילן טראָגן דעם נאָמען! — שוץ פאַר דער מאָדערנער יידישער קולטור. אויב די קריסטלעך רעליגיעזע שטאַטן זיינען דערגאַנגען ביז צו דער פרייהייט פאַר דער יידישער רעליגיע און אויף דעם באַזיס זיינען אונזערע קהלות אויפגעבויט געוואָרן מיט שולן, בתי־מדרשים, תלמוד־תורות און ישיבות, חסידים־שטיבלעך און רבישע הויפן, מוזן די מאָדערנע שטאַטן איצט, אויב זיי זיינען קולטורעל און האָבן בדעה עס צו בלייבן, געבן אונז איצט געזעצלעכע שוץ פאַר יידישע קולטור; מיר פאָדערן אומעטום, אין אַלע לענדער, וואו ס׳זיינען נאָר דאָ יידישע קבוצים, זאָל דער שטאַט זאָרגן פאַר יידישע עלעמענטאַרע שולן און סעמינאַרן, פאַר קאַטעדרעס אין די אוניווערזיטעטן פאַר יידישע ליטעראַטור און געשיכטס־פאַרשונג, אונטערשטיצונג פון יידישע קונסט־טעאַטערס און געזאַנג־כאָרן, באַשטעלונגען ביי יידישע מאָלער און סקולפּטאָרן.

אויב פאַר רעליגיע האָט גענוגט בלויז פרייהייט, מוז קולטור אָבער האָבן שוץ און אונטערשטיצונג!

### 1

רעליגיע איז אַ דבר שבלב, און יידישע רעליגיע בעיקר איז אַ תוך אָן יעטוועדער פאָרעם — אַ געטלעכקייט אָן יעטוועדער תמונה! דער קולט און די צערעמאָניע, וואָס איז סוף כל סוף אַרויסגעוואַקסן און אַרומגעוואַקסן די יידישע רעליגיע, ווי בשמים־שמעקנדיקע בלומען און ווי שטעכעדיקע דערנער־צוימען, ווי בריענדיקע קראָפּעווע טיילמאָל, איז אַן ענין פאַר די מאַסן און פון די מאַסן און ס׳ווערט געטראָגן פון זיי מיט אַ ברייטער און פולער האַנט. דאָס פנים פון דער מאַסע שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם קולט־מצב וואָס זי האָט; די קולטישע צערעמאָניע איז דער גבירישער ניוואָ פון אַ רעליגיעזע קהילה פונקט ווי דער קונסט־שונד פונם קולטורעלן ישוב. ביידע אָבער, דער קולט און דער שונד, נויטיקן זיך נישט אין קיין שום אויסערלעכע שטיצע. דער בעל־